# מזכרת

משמחת נישואין

של

**מנחם מענדל ושיינא** שיחיו
**שווארץ**



שנת חמשת אלפים שבע מאות שמונים וארבע לבריאה
ברוקלין, ניו-יארק

ב"ה.

# פתח דבר

אנו מודים לה' על כל הטוב אשר גמלנו ובחסדו הגדול זיכנו בנישואי צאצאינו, החתן הרב התמים **מנחם מענדל** והכלה המהוללה מרת **שיינא** שיחיו.

התודה והברכה לכל קרובי המשפחה, ידידים ומכירים, שהואילו לבוא לשמוח אתנו ביום שמחת לבבנו, ולברך את החתן והכלה שיחיו, ואותנו כולנו, בברכת מזל טוב וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות.

בשמחה ובטוב לבב הננו בזה לכבד את המשתתפים בשמחתנו - על יסוד הנהגת כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע בחתונת כ"ק אדמו"ר והרבנית הצדקנית מרת חי' מושקא זי"ע - בתשורה מיוחדת: עלי ההגהה על השיחות דקונטרס פורים קטן ה'תשל"ח.

הא-ל הטוב, הוא יתברך, יברך אתכם ואותנו, בתוך כלל אחינו בנ"י יחיו, בברכות מאליפות מנפש ועד בשר, ובקרוב ממש נזכה לגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו בקרוב ממש.

מוקיריהם ומכבדיהם

**משפחת שווארץ** **משפחת ברוק**

כ"ח שבט, ה'תשפ"ד

ברוקלין, נ.י.

ב"ה.

# מבוא

ב"היום יום" ג' שבט: "...ספר תורה אור .. בו מאמרים רוב הדרושים .. אשר הרבה מהם שם רבינו ז"ל [אדמו"ר הזקן] בעצמו עין עיונו עליהם והגיהם, והסכימה דעתו הקדושה להביאם לבית הדפוס...".

אלה תולדות 'הגהות' השיחות על ידי רבינו, **בקיצור גדול**:

בשנים הראשונות לנשיאותו תבע רבינו מאוד ועורר ע"ד הליכה לבתי כנסיות ובתי מדרשות ברחבי העיר לחזרת דא"ח. באותם שנים החלו החסידים להכין נקודות משיחות קודשו (עיבוד של כמה שיחות, מכתבים, ואף קטעים ממאמרי דא"ח) מהשנים עברו, והכניסו אל הקודש פנימה להגהה בכדי שיהי' מן המוכן לקיים הוראתו הק'. לאחר שהסכימה דעתו הקדושה, החלו להופיע מדי שבוע למשך שנה אחת, מאז חג השבועות תשח"י, קונטרסים שנקראו אז בשם 'תוכן ענינים בדא"ח לחזור בהבתי כנסיות', והם הנמצאים בב' כרכים הראשונים של 'לקוטי שיחות' שיצאו לאור (ע"י צעירי אגודת חב"ד המרכזית) בשנת תשכ"ב.

בשנת תשכ"ג - שנת הקן להסתלקות כ"ק אדמו"ר הזקן נ"ע, שוב היתה התעוררות מחודשת להפצת השיחות וזכינו להגהת שיחות שיצאו בקונטרסים בשם 'תוכן ענינים בדא"ח לחזור בבתי כנסיות', והם הנמצאים בב' הכרכים הבאים של 'לקוטי שיחות' (ג-ד) שיצאו לאור בשנת תשכ"ד.

בשנת תשכ"ה, לאחר הסתלקות הרבנית הצדקנית מרת חנה שניאורסאהן ע"ה, החל רבינו להתוועד מידי שבת בשבתו. ההתוועדויות מש"פ נח עד ש"פ וישלח הוגהו על ידו בשעתו ונדפסו לאח"ז בהוספות ללקוטי שיחות כרך ה.

בשנת תשכ"ט הגי' רבינו כ-7 ליקוטים מהשיחות שנאמרו בשנים שלפני זה, והחל משנת תש"ל ואילך (מלבד תשל"ב ותשל"ה) הגי' רבינו ליקוט מידי שבוע בשבוע. שיחות אלו נדפסו בקונטרסים שמהם נדפסו לאחר זמן ספרי הלקוטי שיחות. בסך הכל: קרוב ל-1300 'ליקוטים' הוגהו על ידי רבינו ונדפסו לאחמ"כ בל"ט ספרי ה'לקוטי שיחות'. ב'הוספות' לספרים אלו באו אגרות קודש וכן שיחות שהוגהו ע"י רבינו בסמיכות לזמן אמירתם ונדפסו בשעתם בקונטרסים, או כהקדמה לקונטרסים וכיו"ב.

בחורף ה'תשל"ח, לאחר המאורע שהתרחש בעת ההקפות בליל שמע"צ, הנה לא זו בלבד שלא הי' חלישות ח"ו בענין זה, אלא אדרבה, רבינו הוסיף אומץ והשקיע שעות מרובות באופן מיוחד בהגהת השיחות וההתוועדויות קרוב לזמן אמירתם - **נוסף** על הליקוטים השבועיים - ונדפסו לאח"ז בהוספות ל'לקוטי שיחות' כרכים כ-כא. מני אז זכינו שרבינו הגי' לעתים תכופות יותר, התוועדויות או שיחות שלימות שנאמרו בשבתות ובימים טובים, ביומא דפגרא וכיו"ב. עד שבשנים הכי אחרונות זכינו לשיחה מוגהת מידי שבוע בשבוע.

בעלי ההגהה שכונסו ב'תשורה' דלקמן (חלקם הגדול מוקטנים מעט מגודלם המקורי), ניתן לראות במוחש - שלב אחרי שלב - איך שרבינו עצמו שם עין עיונו והגי' את שיחות הקודש שנאמרו בהתוועדות פורים קטן תשל"ח, שנדפסו בשעתן - **עשק"מ אדר שני** ה'תשל"ח - ב"קונטרס פורים קטן ה'תשל"ח"

(עם מאמר ד"ה וקבל היהודים שנאמר בהתוועדות), ולאחרי זה גם בחלק ההוספות ל'לקוטי שיחות' כרך כא עמוד 326 ואילך.

*

פרשת כתיבת עריכת והכנת דברי תורתו של רבינו לדפוס, רחבה היא מני ים, אולם בתמצית הענין אפשר לראות שמץ מינהו בצילומים (מעלי ההגהה המקוריים) המופיעים בעמודים דלקמן.

ה'חוזרים' וה'מניחים' שזכו לעבוד בצמוד להדרכותיו הקדושות של רבינו, בהם הביע רצונו וכוונתו כיצד יש לכתוב ולערוך, לעבד ולהכין לדפוס את דברי תורתו, התאמצו לכוון לדעתו הק', ועם כל זאת הרי בכל פעם, בכל שיחה, בכל הגהה, הי' בה מן החידוש.

בכלל, במשך השנים, לא נתפרסמו ענינים אלו (הגהות הרבי בכתי"ק), משום שהעיקר היא הרי המהדורה הסופית שנחתמה בחותמו של כהן גדול, והיא המוצעת בפני הלומדים והמעיינים בדפוס ולדורות. אך בתור יוצא מן הכלל, בכדי להרוות צמאונם של אנ"ש והתמימים וכו', ולהראות החביבות הגדולה, ולתת קצת להבין בשכל אנושי כמה כוחות ויגיעה השקיע רבינו בתורתו הק', מדפיסים אנו את עלי ההגהה של השיחות בשלימותם.

ויה"ר שכל זה יגביר את הלימוד והעיון מתוך חיות ("קאָך") של אנ"ש ותלמידי התמימים בכל אות ומילה בתורת רבינו, שבהם שם עין עיונו והשקיע בזה במסירות נפש ממש (וראה תורת מנחם כרך יט עמוד 305) זמן וכוחות מרובים על מנת שדברי תורתו ייצאו לאור עולם, וידוע גודל הנח"ר שנגרם כאשר הי' נראה ונשמע שלומדים השיחות בכלל ובפרט השיחות המוגהות.

*

בתור רקע כללי להתוועדות זו, נביא להלן מתוך רישומי היומנים של התמימים בבית חיינו:

בצהרי יום פורים קטן תשל"ח נודע שהשלוחים הנוסעים לירושלים העתיקה ולצפת עיר הקודש (קבוצה ג' של השלוחים לאה"ק, שכללה 15 שלוחים) - ייכנסו לחדרו הק' של רבינו לאחר תפלת מנחה לקבלת ברכה, והרבה מאנ"ש הגיעו לבית חיינו לשם זה. פתאום נודע, שתהי' התוועדות מיוחדת שתתחיל בשעה 4:30 אחר הצהרים (שעה מוקדמת, כיון שהיתה חופה לאחרי זה).

מיד עם כניסת רבינו להתוועדות, החלו בניגון הכנה למאמר, ואמר מאמר ד"ה וקבל היהודים וגו'. בשיחות ביאור הרבי את מטרות ההתוועדות: א) התחלת היובל השני לאמירת המאמר בשנת תרפ"ז; ב) נמצאים שלושים יום קודם חג הפורים, ויש להתחיל בהכנות למבצע פורים "מיטן גאַנצן שטורעם"; ג) בקשר עם נסיעת השלוחים לאה"ק.

אחרי השיחה בנוגע לשלוחים, הורה שהשלוחים יעלו לבימת ההתוועדות, ונגשו תחלה האברכים ואח"כ התמימים, ונתן לכל אחד ואחד מהם: קונטרס אהבת ישראל (עם חתימת יד קודשו), קונטרס פורים תרפ"ז, מאמר ד"ה ואלה המשפטים תשל"ח, שיחת יום ז"ך שבט תשל"ז (שנאמרה להשלוחים העולים לצפת). ושטר של עשר שקל (דולר), של שקל (דולר), של מאה לירות וששה שטרות של עשר לירות.

אחר כך הורה שהשלוחות יעלו לבימת ההתוועדות, ונתן לכל אחת ואחת מהן: סידור, תניא, קונטרס אהבת ישראל, שיחת ז"ך שבט הנ"ל, מכתב להכינוס דנשי חב"ד שנה זו, ושטרות ממון כנ"ל (באותה מידה שניתנה להשלוחים). ועוד שני שטרות של שקל (דולר) עבור הוריהם שיחיו.

לכל אחד ואחת מילדי השלוחים נתן: סידור, שיחת ז"ך שבט הנ"ל.

לאחר החלוקה אמר רבינו שכאן המקום להביע תודה להוריהם של השלוחים והשלוחות שחינכו אותם באופן כזה שיקחו על עצמם את השליחות, ולכן יתנו כעת לשלוחים (השלוחות כבר קיבלו) שני שקלים עבור הוריהם - לצדקה [בצירוף "יישר כח" (להוריהם)]. ונתן לכל אחד ואחד מהשלוחים שני שטרות של שקל (דולר) עבור הוריהם.

במשך כל זמן החלוקה ניגנו הקהל מארש נפוליאון, ורבינו עודד השירה בצורה מיוחדה, כשהוא מורה להגביר השירה מעת לעת.

ביום המחרת, יום הנסיעה, נכנסו השלוחים לגן עדן התחתון, וכל אחד קיבל ספר לקוטי שיחות כרך י"ג החדש בכריכה רכה, בצירוף שטר של דולר, וכן הליקוט שי"ל לפרשת כי תשא, בו היתה הקדשה מיוחדת לזכות השלוחים הנוסעים לארה"ק.

❁ ❁ ❁

# יאיר נתיב

(לכמה מההגהות, בדרך אפשר)

## יובל

**1)** בהמבואר בתחלת השיחה (ס"ב) שב"פורים קטן" דשנה זו מתחיל היובל השני מאז אמירת המאמר "וקבל היהודים" בפעם הראשונה (בשנת תרפ"ז), אלא שכיון שאשתקד לא היתה שנת העיבור, ובמילא לא הי' אז "פורים קטן", נמצא שזהו גם ה"פורים קטן" של סיום וחותם היובל הראשון (ועכ"ז, בעיקר זהו ה"פורים קטן" הראשון דיובל השני) -

הוסיף רבינו ציון *1) לאחר התיבות "יובל הראשון", ובצד הגליון כתב (לקמן ע' יב): ***1) דעיבור דשנה זו – ממלא ומשלים (גם) החסרון (לגבי שנת החמה) דשנת הלבנה ד(סיום) היובל הראשון.**

**2)** בהמבואר שם ש"יובל" הוא "עולמו של לוי", כמרז"ל[2] עה"פ (שמואל-א א, כב) "וישב שם עד עולם", "עולמו של לוי חמשים שנה" -

א] בהערה 2 - הוסיף רבינו (לקמן ע' כח): ירושלמי ברכות פ"ד ה"א. הובא בפרש"י עה"פ. **ובמכילתא למשפטים כא, ו (הובא בחצע"ג בפרש"י שם) וקידושין טו, א "שחמשים שנה קרוין עולם".**

ב] לאחר התיבות "עולמו של לוי" - הוסיף רבינו ציון *3, וכתב (בעלי ההגהה הראשונה של ההערות - לקמן ע' כח): *3) **ראה רמב"ם סוף הל' שמיטה ויובל "ולא שבט לוי בלבד אלא כל איש כו' אשר נדבה רוחו כו'". וראה אוה"ח הק' עה"פ משפטים שם.** - והוסיף לציין עוד (בעלי ההגהה השני' של ההערות - לקמן ע' לח): **– וראה שיחה להשלוחים שי' טו אד"ר, תשל"ח.**

**3)** בהמבואר בס"ג אודות **גודל** העילוי שנפעל ביובל השני, כי מובן שאינה דומה העלי' שישנה מיום ליום להעלי' שישנה משבוע לשבוע, מחודש לחודש, ועד להעלי' שישנה בשנה חדשה, שמזה מובן גודל העילוי המיתוסף משמיטה לשמיטה ועאכו"כ כשישנה העלי' מיובל הראשון ליובל השני, שביובל ישנן שבע שמיטות - שבע פעמים העילוי משמיטה לשמיטה,

הוסיף רבינו תיבות: **ודשנת היובל***[9]**, ובצד הגליון כתב (לקמן ע' יג): *9) **להעיר משו"ת הרשב"א** ח"א ס"ט **(ע"ד שמירת ההיקף), מפרשי התורה ובפרט בכתהאריז"ל ובדרושי חסידות בענין היובל.**

## ונפלינו

**4)** בהמבואר בס"ח (בהמשך להמבואר לפנ"ז שם שביובל השני מתחילה העבודה באופן ד"ראה עולם **חדש**", שאז (כשמעמיד עצמו ב"עולם חדש") לא רק שהוא מקיים את ה"אל יתבייש מפני בנ"א המלעיגים", אלא עוד זאת שה"מלעיגים" כלל **אינם** קיימים במציאות בעולמו **שלו** -) שההתבוננות הכי קלה לבוא לידי ההכרה שנמצא ב"עולם חדש" (למעלה מהעולם בו נמצאים ה"מלעיגים"), הוא - כנאמר בשיעור חומש היומי "ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה", אשר ענין זה ד"ונפלינו" נעלה יותר מהענין ד"אתה בחרתנו", כי בחירה שייך דוקא בשני דברים שיש ביניהם איזה צד השוה, ואילו בהענין ד"**ונפלינו** גו'" - נתבאר במאמר ד"ה ועתה אם נא מצאתי חן בעיניך דשנת תרע"ח (ובכ"מ) שמשה רבינו ביקש אצל הקב"ה שיהי' הענין ד"ונפלינו אני ועמך", שבנ"י יהיו באופן "**מופלא** לגמרי .. בבחי' **אין ערוך** לגמרי מכל העם" -

הוסיף רבינו ציון * לאחר תיבת "העם", וכתב (לקמן ע' לה): *) **כן הוא במאמר תרע"ח שם. ואולי צ"ל "האדם" (וכן שם לפני זה).**

לאחר שנדפסה השיחה, שאלו המניחים (לקמן ע' מא):

רבים העירו בהשיחה דפורים קטן ש.ז. (שנדפסה בקונטרס) ס"ח במ"ש כ"ק אדמו"ר שליט"א בהערה 28: כן הוא במאמר תרע"ח שם. ואולי צ"ל "האדם" (וכן שם לפנ"ז).

דלכאורה בתשא שם (לג, טז) נאמר "העם" ולא "האדם", ומדוע "אולי צ"ל האדם"? ובכל הסעיף נעתק כמ"פ (בטעות לכאורה ?) לשון הכתוב - "מכל **האדם**".

[ובמאמר שבקונטרס ס"ז נעתק לנכון "מכל העם"].

במענה ע"ז כתב רבינו בראש הגליון: **צ"ל תיקון הלשון**; ובשולי הגליון כתב: **נקודת המדובר בההתועדות: דכאו"א מבנ"י (יחיד) צ"ל במצב ד"ונפלינו" מיחיד דאו"ה (שנקראים האדם – תוד"ה ואין יבמות סא, א), כי עפמשנ"ת במאמר תרע"ח הטעם ע"ז – הוא בנוגע ליחיד, ולאו דוקא בנוגע לכללות בנ"י, ומש"כ בקרא "מכל העם" ולפנ"ז "ועמך" – פי': כאו"א מעמך גו' מכל האדם גו'**

[כשהכניסו המניחים נוסח המענה להגהה נוספת, תיקן רבינו נוסח סיום המענה (לקמן ע' מב): ומש"כ בקרא "מכל העם" (וכן לפנ"ז "ועמך") - פי': ונפלינו **אני ועמך** (**כאו"א מהם**) מכל האדם **שבכל העם**" גו'].

**5)** בהמבואר שם שענין ה"בחירה" בבנ"י, "ובנו בחרת מכל עם ולשון", קאי - כמבואר בתניא - על ה"גוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אומות העולם", משא"כ מצד הפנימיות של בנ"י, שזהי' אמיתית המציאות שלו, עומד הוא באופן ד"**ונפלינו** גו'" -

הוסיף רבינו (בעלי ההגהה הראשונה של השיחה - לקמן ע' טו): משא"כ **כו' ובפרט** מצד [הפנימיות של בנ"י כו']. - ושוב הוסיף רבינו ציון * בהמשך לתיבת "כו'" (בעלי ההגהה השני' של השיחה - לקמן ע' לה - שם נרשם סימן-שאלה ע"י המניחים), וכתב [שהכוונה]: *) **לדרגות שלו שהן למעלה מ"גוף החומרי" שלו.**

**6)** בהמבואר בס"ט שההתבוננות הנ"ל (בענין ד"ונפלינו") היא התבוננות פשוטה ביותר - לא ענין ד"רזי תורה" אלא מובנת **מפשוטם** של כתובים ומרז"ל - אשר "ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה",

הוסיף רבינו ציון *22), ובצד הגליון כתב (לקמן ע' טז): ***22) אעפ"כ הייתה צ"ל בקשת ותפלת משה ע"ז – מפני "הגוף החומרי כו'" (תניא הובא לעיל בפנים).**

## שליחות – דירה בתחתונים

**7)** בהמבואר בס"י שדוקא בהיות הנשמה ב"בירא עמיקתא" עשהו הקב"ה לשליח (כמותו) לעשות לו ית' דירה בתחתונים, ואשר אמיתית ענין שליחות אינה פעולה שהיתה רק כאשר מינה אותו לשליחות זו, כי אם נעשית (בלשון הידוע) "פעולה נמשכת", שבכל רגע ורגע מקבל מחדש מינוי השליחות לעשות לו ית' דירה בתחתונים -

הוסיף רבינו ציון *) לאחר התיבות "אמיתית ענין שליחות", ובשולי הגליון כתב (לקמן ע' טז): **שלכן בפשטות יכול המשלח לבטלה בכל רגע.**

8) בהמבואר שם שקיום שליחות זו, לעשות לו ית' דירה בתחתונים, "לא נפלאת היא גו'" ו"לא בשמים היא גו'" אלא "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו" – ע"י שמתנהג ע"פ שו"ע, ובזה גופא מתנהג לפנים משורת הדין, שזה הרי כבר הפך גם לדין בשו"ע, ובדין ובלפנים משורת הדין – מתנהג לפי הדרכות רבותינו נשיאינו כו' מוארים במאור שבתורה וחדורים בחיות של תורת החסידות –

הנה בהנסמן בהערה ע"ד "לפנים משורת הדין" שהפך גם לדין בשו"ע – הוסיף רבינו (בעלי ההגהה השני' של השיחה – לקמן ע' לח): **ב"מ ל, ב. וש"נ. ואפילו בד"מ שבין אדם לחברו** – ראה שו"ע חו"מ סרנ"ט ס"ה. **ושם סי"ב סוס"ב. וראה רמב"ם הל' דעות פ"א ה"ה. וראה שו"ע אדה"ז סקנ"ו, ס"ג ואכ"מ.** – ובצד זה העיר למניחים: **מבהיל שחסר כ"ז!**

9) בהמבואר בסי"א שהנתינת כח לעבודה הנ"ל, וגם הביאור באופן העבודה בזה – מקבלים מהמאמר "וקבל היהודים", ששם מבוארים כו"כ פרטים באופן העבודה הנ"ל, ועל המשפיעים והמשפיעות להסביר זאת לאלו הזקוקים להסברה נוספת, וזהו, הן כשהזולת מבקש להסביר לו והן אפי' אם אינו מבקש להסביר לו, ואדרבה, כשהזולת אינו מבקש להסביר לו – צריכים **עוד יותר** ("**נאָכמער**") להשתדל להסביר לו את ההוראות בנוגע לפועל מהנקודות וענינים המבוארים בהמאמר,

הנה בהנסמן בהערה על תיבת "**נאָכמער**" [=עוד יותר] – הוסיף רבינו (לקמן ע' כט): **כיון שחסר הוא עד כדי כך – שאינו יודע שחסר הוא. וראה** שיחת יו"ד שבט ש.ז. סי"ד ואילך.

## ערי הקודש

10) בהמבואר בסי"ג אודות השלוחים הנוסעים עתה לירושלים עיה"ק (הנק' כעת "העתיקה", ומשם ודרך שם – גם בירושלים החדשה) ולצפת עיה"ק – כידוע שבצפת היתה התחלת הגילוי של חכמת הסוד, חכמת הקבלה; שם גילה האריז"ל את תורתו, ובאופן שנמשכה לדורותיו אחריו, ע"י תלמידיו: ר' חיים וויטאל, ע"י "גורי האריז"ל" בכלל –

א] בהנכתב: "כידוע אַז אין צפת" [=כידוע שבצפת] – הוסיף רבינו ציון *) לאחר התיבה "צפת", ובצד הגליון כתב (בעלי ההגהה הראשונה של השיחה – לקמן ע' יט): *) **ראה ס' טוב הארץ ..** – והוסיף לציין עוד (בעלי ההגהה השני' של ההערות – לקמן ע' לח): ראה ס' טוב הארץ **(לבעהמ"ס מגלה עמוקות – מס' כנפי יונה להרמ"ע מפאנו) לז, ב בגודל מעלת צפת (נוסף ע"ז שהיא מ"שלש, ואח"כ (כשנתיישבו גם בטבריא מ)ארבע ערי הקודש" – נוסף על ירושלים וחברון, בנוגע לכספי הכוללים וכו').**

בקשר לס' טוב הארץ, שנכתב שהוא "לבהעמ"ס מגלה עמוקות" – הנה בפתקא דשאלות המניחים העביר רבינו קולמוס על התיבות "מגלה עמוקות", וכתב (לקמן ע' מ): **מצת שמורים כצ"ל (כבשער הס').**

[יצויין כי הן בעהמ"ס מגלה עמוקות והן בעהמ"ס מצת שמורים – שמם הי': רבי נתן נטע שפירא, ולפי הנסמן בהקדמת המו"ל לספר טוב הארץ – ירושלים, תשס"ו – ע' 13, בעהמ"ס טוב הארץ (ומצת שמורים) הי' אחיינו של בעהמ"ס מגלה עמוקות].

ב] בקשר להנאמר שבצפת גילה האריז"ל את תורתו, ובאופן שנמשכה לדורותיו אחריו – הוסיף רבינו ציון *48 לאחר התיבות "לדורותיו אחריו", ובצד הגליון כתב (לקמן ע' יט): *48) **"וכמ"ש האריז"ל דדוקא בדורות אלו האחרונים מותר ומצוה לגלות זאת החכמה" (אגה"ק ר"ס כו).**

ג] אודות "גורי האריז"ל" - ציין רבינו (בעלי ההגהה הראשונה של ההערות (לקמן ע' כט), ובהוספה בעלי ההגהה השני' של ההערות (לקמן ע' לח)): **שכו"כ מהם הובאו ופעמים רבות בס' חסידות** (משנת **חסידים (וראה פס"ד להצ"צ יו"ד לסקט"ז "והמ"ח לא העתיק רק ד' האריז"ל" (אבל בשו"ת שלו חאה"ע סקמ"ג "ואפשר הוא מהאריז"ל")), עמק המלך (וראה לקו"ת שה"ש כז, א) ועוד). וכבר שקו"ט בזה ממש"כ הרח"ו בסוף הקדמתו לס' ע"ח ובהקדמתו לש' ההקדמות. ואכ"מ.**

**11)** בהמבואר שם ש[שליחות הנ"ל] קשורה בההשתדלות מאז שיהי' הענין דחיזוק ועזר ישוב ארץ ישראל בכלל, ובפרט בירושלים (העתיקה) ובחברון ובצפת ובטברי' - אשר אלו הם "ד' ערי הקודש" שהיו קשורים במיוחד עם כוללים וכו' -

על הנרשם בההנחה: "ד' עיירות" - תיקן רבינו (בעלי ההגהה הראשונה של השיחה): ד' **ארצות**, והוסיף ציון *), ובצד הגליון כתב (לקמן ע' יט): *) **ראה טוב הארץ ..** - ושוב תיקן רבינו (בעלי ההגהה השני' של השיחה - לקמן ע' לו): **"ד' ערי הקודש"**; ובהערה על הנ"ל - העביר רבינו קולמוס על הציון "ראה ס' טוב הארץ", וכתב (לקמן ס"ע לח): **כידוע במכתבי השד"רים דאז (לאחרי שנת ת"ק).**

[בשנת ת"ק נתחדש היישוב בטבריא, ובמכתבי השד"רים דאז נמצאים ב' הלשונות - "ד' ארצות / ערי הקודש"].

## השלוחים והשליחות

**12)** בהמבואר בסי"ד שנסיעתם [דהשלוחים לירושלים עיה"ק ולצפת עיה"ק] היא בתור שלוחים של כל המסובים והנמצאים כאן, ועל ידם - גם בשליחות כל הקיבוץ דבנ"י הנמצאים במדינה זו,

הוסיף רבינו ציון ***51**), ובצד הגליון כתב (בעלי ההגהה הראשונה של השיחה - לקמן ע' כ): ***51**) **וכהפס"ד דזכין לאדם שלא בפניו (          ).** - והוסיף לציין עוד (בעלי ההגהה השני' של ההערות - לקמן ס"ע לח): (כתובות יא, א. שו"ע חו"מ סרמ"ג ס"ח. **ובכ"מ).**

**13)** בהמבואר שם שהפעולה [דהשלוחים] צריכה להתחיל בביסוס וחיזוק מוסדות תורה ומוסדות חינוך הקיימים כבר (וגם לייסד - בכל מקום הזקוק לכך - מוסדות תורה וחינוך חדשים), יחד עם מקוה טהרה - הקשורה עם הענין ד"וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם", ו"אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם", וגם להגדיל (עוד יותר) ענין הפצת "חכמת האמת" כו' -

א] בהנאמר שמקוה טהרה קשורה ("פאַרבונדן") עם הענין ד"וזרקתי גו'" - הוסיף רבינו ציון ***54** לאחר התיבה "פאַרבונדן", ובצד הגליון כתב (בעלי ההגהה הראשונה של השיחה - לקמן ע' כ): ***54**) **דמדתו של הקבה"ה מדה כנגד מדה (סוטה        .** - והוסיף לציין עוד (בעלי ההגהה השני' של ההערות - לקמן ע' לט): דמדתו של הקבה"ה **היא** מדה כנגד מדה (סוטה ח, ב. **ובכ"מ).**

ב] בנוגע ל"אשריכם ישראל כו'" - הוסיף רבינו להנסמן שם בהערה 71 (בעלי ההגהה השני' של ההערות - לקמן ע' לט): סיום וחותם מסכת יומא ופרק יוהכ"פ. ולהעיר שמסכת יומא נקראת בכ"מ גם בשם מסכת יוהכ"פ. **וגם "יומא" – פירושו יום המיוחד והידוע, "אחת בשנה".**

והנה בקשר לכך ש"מסכת יומא נקראת בכ"מ גם בשם מסכת יוהכ"פ" - ציינו המניחים: "(תוספתא, רמב"ם בהקדמתו לפיה"מ)", אך רבינו העיר על הציון ל"תוספתא": <u>**לברר**</u>, ולפני הציון לרמב"ם - הוסיף: **גאונים (לראות באוצה"ג** [=באוצר הגאונים] <u>**ולציין**</u>**)**.

בהמשך לזה כתבו המניחים (לקמן ע' מ):

בנוגע למסכתא יומא הנקראת בכ"מ בשם "מס' יום הכפורים" - באוצה"ג ליומא לא מצאנו, אבל כ"ה בהמצו"ב.

האם לציין: רמב"ם בהקדמתו לפיה"מ. אגרת ר"ש גאון (מהדורת לוין ע' 6 וע' 33). פירוש רב האי גאון לטהרות פכ"ו מ"ד (הובא בהערות המו"ל בע' 6 שם).

בכהנ"ל נקרא "כפורים" (ולא "<u>יום</u> הכפורים"). האם לתקן עפ"ז בההערה (במקום "יום הכפורים")?

לשאלתם "האם לציין" - הקיף רבינו תיבת "לציין" (וסימנו בחץ); ולשאלתם "האם לתקן עפ"ז" (ל"כפורים", במקום "יום הכפורים"), כתב רבינו: **וכצ"ל**.

## "אַזוי אַזוי איז דער ענין"

**14)** בהמבואר בסט"ז שכהנ"ל אמור ביחס לכל אחד ואחת מהשלוחים, הן אנשים והן נשים, בדוגמא כפי שהוא במ"ת, שהי' הן לאנשים והן לנשים, ואדרבה, קודם הי' "כה תאמר לבית יעקב - אלו הנשים", ורק לאחרי זה "ותגיד לבני ישראל - אלו האנשים"; ועד"ז בנוגע לכיבוש הארץ בפעם הראשונה, שבנות צלפחד תבעו "תנה לנו אחוזה" בא"י, עד ש"ויקרב משה את משפטן לפני ה'", עם כל ה"שטורעם" שפעלו בנות צלפחד - אשר ע"י"ז נתגלה החביבות שהי' לכל נשי ובנות ישראל לארץ ישראל; שמזה מובן ג"כ בנוגע לנשי ובנות ישראל בכל הדורות, ועאכו"כ בימינו אלו - כמבואר בכ"מ שדרא דעקבתא דמשיחא הוא בדוגמת דורו של משה רבינו (צי מ'פאַרשטייט דאָס יאָ צי מ'פאַרשטייט דאָס ניט - אָבער "אַזוי אַזוי איז דער ענין" [=אם מבינים זאת ואם לא מבינים זאת - אבל "כן כן הוא הענין"]) -

לאחר תיבת "אַזוי" (הראשון) - הוסיף רבינו ציון *69, ובצד הגליון כתב (בעלי ההגהה הראשונה של השיחה (לקמן ע' כב), ובהוספת תיבה בעלי ההגהה השני' של ההערות (לקמן ע' לט)): *69 **לשון כמה מזקני החסידים לאחרי שקו"ט עמוקה בעניני דא"ח ובכ"ז לא נחה דעתם** <u>**בהבנת**</u> **הענין לתכליתו, אלא שהונח (אָפּגעלייגט) אצלם הענין בודאות ובבהירות.**

[והעביר רבינו קולמוס על המסופר בהנ"ל בשם כ"ק מו"ח אדמו"ר אודות ר' הירשל טשערניגעווער (חסיד גדול ולמדן גדול, ורב בטשערניגאָוו, אבל אצל חסידים הי' נקרא בשם ר' הירשל טשערניגעווער, רבה של טשערניגאָוו), שהי' עוסק בלהט ("ער פלעגט זיך קאָכן") בחסידות, ולאחרי זה הי' מסיים וזועק: צי מ'פאַרשטייט דאָס יע צי מ'פאַרשטייט דאָס ניט - אָבער אַזוי אַזוי איז דער ענין.

וראה סה"ש תש"ו ע' 13. וש"נ].

## שמחת חתן וכלה

**15)** בסיום ההתוועדות - נכתב בההנחה שרבינו "נתן היין והמזונות עבור החתונה שתהי' היום", ורבינו תיקן (לקמן ע' כז): נתן היין והמזונות – **לשמחת חו"כ** דהחתונה **שהייתה לאח"ז.**

❁ ❁ ❁

יום ג',

בס"ד. שיחת פורים קטן ה'תשל"ח.

א. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה וקבל היהודים.

ב. מ'האט דאך דערמאנט פריער (בהמאמר) אז בשנה זו הויבט זיך אן דער יובל השני זינט דער מאמר "וקבל היהודים" איז געזאגט געווארן בפעם הראשונה (בשנת תרפ"ז)[1].

[ובפרט נאך אז פאר א יארן איז ניט געווען קיין א שנת העיבור, ובמילא איז דאך ניט געווען קיין "פורים קטן" - קומט דאך אויס אז דאס איז אויך דער ערשטער "פורים קטן" פון דעם סיום וחותם פון דעם יובל הראשון; אבער בעיקר איז דאס דער ערשטער "פורים קטן" פון יובל השני].

און וויבאלד אז דער ענין פון "יובל" איז "עולמו של לוי", כמרז"ל[2] עה"פ[3] "וישב שם עד עולם", אז "עולמו של לוי חמשים שנה" - איז דאך פארשטאנדיק, אז בשעת עס הויבט זיך אן דער יובל השני, איז דאס אין אן אופן פון "ראה עולם חדש"[4].

ד.ה. אז בנוגע צו אלע אופני העבודה וואס זיינען געווען ביי אים לפנ"ז, אין דעם ערשטן יובל [וואס וויבאלד אז "כל ישראל בחזקת כשרות"[5] איז דאס זיכער געווען כדבעי ובשלימות] - ווערט איצטער אן "עולם חדש", א נייעם סדר אין עבודה, באופן נעלה יותר דערפון וואס איז געווען אין דעם יובל הראשון (פון תרפ"ז ביז תשל"ז)[6].

ג. וכמובן בפשטות דער גודל העילוי וואס ווערט אויפגעטאן ביובל השני - וואס אע"פ אז אויך אין דעם ערשטן יובל איז דאך דא בכל יום ויום דער ציווי (צוזאמען מיטן נתינת כח)[7] פון "מעלין בקודש"[8] - איז דאך אבער פארשטאנדיק, אז ס'איז ניט דומה די עלי' וואס איז דא מיום ליום צו דער עלי' וואס איז דא משבוע לשבוע, ביז צו דער עלי' וואס איז דא מחודש לחודש, ביז צו דער עלי' וואס איז דא אין א שנה החדשה,

[כמבואר אין מדרשי רז"ל אז ווען ס'הויבט זיך אן א נייע יאר, הויבט זיך אן א נייער אופן אין עבודה, וכמובן אויך פון אגה"ק[9] אז בכל ר"ה ווערט נמשך אן "אור חדש עליון יותר שלא הי' מאיר עדיין מימי עולם אור עליון כזה"

- ב -

(און דערנאך קומט דאס אראפ בהתלבשות אין מעשה התחתונים בכל יום מימות השנה) ,

איז דאך דערפון פארשטאנדיק דער גודל העילוי וואס קומט צו משמיטה לשמיטה (במכש"כ פון דעם גודל העילוי וואס קומט צו משנה לשנה), ועאכו"כ ווען ס'קומט די עלי' פון דעם ערשטן יובל צום צווייטן יובל (וואס אין איין יובל זיינען דא שבעה שמיטות – זיבן מאל דער עילוי משמיטה לשמיטה).

ד. דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז אויב מאיזה סיבה שתהי' איז געווען אן ענין של "חטא", א חסרון,[10] אין דער עבודה במשך פון דעם יובל הראשון – איז בשעת ס'קומט דער יובל השני קען מען ממלא זיין אויך דאס וואס עס האט געפעלט אין דער עבודה ביובל הראשון,

ביז-וואנעט אז ער הויבט אן אן עבודה חדשה, ביז אין אן אופן-אז די איז אין אן אופן של חידוש גמור לגבי עבודתו עד עתה, אין דעם יובל הראשון.

ה. אין עבודת ה' זיינען דאך פאראן כו"כ פרטים, ביז צו "כל מעשיך לשם שמים" און "בכל[11] דרכיך[12] דעהו"[13] – איז אבער פארשטאנדיק, אז דער חידוש וואס דארף זיין אין דער עבודה, דארף זיין לכל לראש אין די ענינים וועגן וועלכע ס'רעדט זיך אין דעם מאמר ד"ה "וקבל היהודים".

וואס עיקר הנקודה אין דעם מאמר איז-דער ענין פון חינוך, חינוך כפשוטו, אז ס'זאל זיין "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז"[14] (וואס דאס ברענגט דעם ענין פון "להשביח אויב ומתנקם"),[14] וואס דאס איז אויך נוגע צו גדולים, סיי גדולים בשנים, און סיי גדולים באמיתית הענין – אין עבודת ה', אז די דארפן אויך אנקומען צו דער עבודה פון "מפי עוללים ויונקים יסדת עוז".

ו. דער ענין פון "עוז" איז דאך דער ענין התורה, ווי ער ברענגט אין דעם מאמר דעם[15] מארז"ל[16] "אין עוז אלא תורה" –

אבער "תורה" האט דאך כו"כ שמות (ניט נאר "עוז"), איז וויבאלד אז מ'האט דא אויסגעקליבן דעם נאמען "עוז", איז פארשטאנדיק, אז אין דערויף

- ג -

איז מודגש אז די עבודה דארף זיין בתוקף (וואס דאס איז דער עניין פון "עוז"), אין אן אופן פון "אל יתבייש מפני המלעיגים", ווי ס'שטייט אין דער התחלה פון אלע ד' חלקי השו"ע.

און ניט נאר "אל יתבייש מפני המלעיגים", נאר אדרבה, ער שטייט אין אן אופן פון תוקף, "איתן" – וואס דעמולט ברענגט דאס אויך אראפ די הצלחה בכל פרטי עבודתו.

און ווי מ'זעט בפועל, אז בשעת ער פירט אויס שליחותו באופן של חלישות, אדער עכ"פ ניט בתוקף המתאים, איז ער טאקע מקיים דעם "אל יתבייש מפני המלעיגים"; דאס קומט אבער ניט צום אופן העבודה וועו ער שטעלט זיך אוועק מלכתחלה בתוקף המתאים, וואס דעמולט איז עבודתו בקלות יותר ובהרחבה יותר, ווארום דער גאנצער עניין פון די "מלעיגים" איז ביי אים ניטא במציאות.

ז. וואס דאס איז אויך פארבונדן עם האמור לעיל אז אין דעם יובל השני הויבט זיך אן די עבודה אין אן אופן פון "ראה עולם חדש". והביאור בזה:

ס'איז מבואר אין דעם מאמר אז בשעת ער ווערט נתעלה אין א דרגא נעלית יותר (אז ער איז ניט שייך אל הזולת), איז אים דער זולת ניט מבלבל, בדוגמא ווי ס'איז ניט שייך אז ער זאל נתפעל ווערן פון די "מלעיגים" וועלכע געפינען זיך אין אן אנדער עולם (אדער אפי' אין אן אנדער עיר).

וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק, אז בשעת ער שטעלט זיך אוועק אין אן "עולם חדש", זיינען די "מלעיגים" ניטא במציאות אין זיין עולם, ובמילא דארף ער ניט אנקומען צו דער התבוננות פארוואס ער דארף זיך ניט שעמען פאר די "מלעיגים" – ער דארף נאר האבן ביי זיך דעם תוקף אז ער געהערט צו אן "עולם חדש", און די אלע מלעיגים און מסתירים ומבלבלים זיינען געבליבן אין אן עולם התחון ממנו, און דעמולט איז בדרך ממילא ילך לבטח דרכו, ומתוך שמחה וטוב לבב.

- ד -

ה. וואס די התבוננות הכי קלה בזה (ער זאל דערהערן אז ער געפינט זיך אין אן "עולם חדש", העכער פון דעם עולם וואו ס'געפינען זיך די "מלעיגים") איז – ווי ס'שטייט אין דעם שיעור חומש פון היינטיקן טאג "ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה"[19].

וואס דער ענין פון "ונפלינו" איז נאך העכער פון דעם ענין פון "אתה בחרתנו". והביאור בזה:

דער ענין פון בחירה איז שייך דוקא ווען ס'זיינען דא צוויי זאכן וואס האבן צווישן זיך עפעס א צד השוה, און ס'קען זיין ער זאל אויסקלייבן די זאך אדער די צווייטע זאך; משא"כ ווען ס'רעדט זיך וועגן צוויי ענינים וואס האבן ניט צווישן זיך קיין שייכות און קיין נקודה משותפה, איז ניט שייך אין דערויף דער ענין הבחירה, ווארום ער האט ניט קיין ברירה צו אויסקלייבן די אנדערע זאך, ס'איז דא מערניט ווי איין זאך (ווארום די אנדערע זאך האט ניט קיין ערך ושייכות דערצו).

און אויף דערויף זאגט מען "ונפלינו אני ועמך גו'", כמבואר אין דעם מאמר ד"ה ועתה אם נא מצאתי חן בעיניך פון הרע"ח ובכ"מ; אז משה רבינו האט געבעטן ביים אויבערשטן אז ס'זאל זיין דער ענין פון "ונפלינו אני ועמך", אז אידן זאלן זיין אין אן אופן "מופלא לגמרי . . בבחי' אין ערוך לגמרי מכל העם" – וואס דעמולט איז אפי' ניט שייך צו זאגן "אתה בחרתנו" (דער ענין פון בחירה).

וכמבואר אין תניא אז דער ענין פון "ובנו בחרת מכל עם ולשון" גייט אויף דעם "גוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אומות העולם", משא"כ מצד די פנימיות פון א אידן, וואס דאס איז אמיתית המציאות שלו (ווארום ביי אים איז "גופו טפל" און "נפשו עיקר")[22] – שטייט ער אין אן אופן פון "ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה", ער שטייט בהבדלה פון "כל האדם גו'", ביז צו הבדלה אין אן אופן פון פלא.

- ה -

און דעמולט איז פארשטאנדיק בפשטות אז מ'דארף אים גארניט מסביר זיין אז ער האט ניט וואס צו רעכנען זיך און נתפעל ווערן פאר די "מלעיגים" – ווארום זיי זיינען אינגאנצן ניטא במציאות אין זיין וועלט.

ט. וואס דאס איז דאך א התבוננות פשוטה ביותר–(ניט קיין ענין פון "רזי תורה" (וואס האט א שייכות דוקא צו די אידן וואס הנהגתם היום-יומית איז ע"פ קבלה, נאר ס'איז א התבוננות פשוטה ביותר), און ס'איז פארשטאנדיק פון פשוטם של כתובים – אז "ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה".[22]

און דאס איז א התבוננות וואס איז שייך צו יעדער אידן, ווארום "כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב שנאמר[23] ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר"[24] – וואס "כל ישראל" איז דאך כולל כל אחד ואחת מישראל ממש [חוץ פון די וועלכע מ'רעכנט אויס בפירוש – און אפי' בנוגע צו זיי, איז דאך אבער פארשטאנדיק פון ירושלמי[25] אז נאך דעריף וואס זיי האבן מקבל געווען זייער עונש, ווערן זיי א מציאות חדשה, ובמילא האבן זיי אויך א חלק לעוה"ב][26].

י. וכאמור אז דאס איז א התבוננות הכי פשוטה – אז ער באטראכט זיך אז ער איז בנו יחידו של מלך מלכי המלכים הקב"ה, וואס דאס איז דאך ניט נאר ווען די נשמה איז געשטאנען למעלה אין דער "איגרא רמה", נאר (דוקא) ווי די נשמה געפינט זיך אין דער "בירא עמיקתא", דארטן האט איר דער אויבערשטער געמאכט פאר א שליח לעשות לו ית' דירה בתחתונים,[27]

– ווי ס'שטייט אין מדרש[28] "היו מכבדין את המצוות שהם שלוחי", וכמבואר בארוכה אין לקו"ת[29] אז יעדער איד איז "שלוחו של אדם-העליון-כמותו",[30] און "כמותו דהמשלח ממש",

וואס אמיתית ענין השליחות איז דאך ניט קיין פעולה וואס איז געווען נאר ווען ער האט אים ממנה געווען אויף דער שליחות, נאר דאס ווערט (בלשון הידוע) "פעולה נמשכת",[31] אז בכל רגע ורגע באקומט ער פון-דאס-ניי דעם מינוי

השליחות אויף לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

און דער ענין פון לעשות לו ית' דירה בתחתונים איז "לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה היא"[32] און "לא בשמים היא"[32], נאר ס'איז "קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו"[33] -

דורך דערויף וואס ער פירט זיך ע"פ שו"ע, און אין דערויף גופא פירט ער זיך לפנים משורת הדין,[34] וואס דאס איז דאך שוין אויך געווארן א דין אין שו"ע,[35] און ער פירט זיך אין דעם דין און אין דעם לפנים משורת הדין לויט דער הדרכה פון רבותינו נשיאינו אין תורת החסידות, מאור שבתורה, אז די ענינים שע"פ דין ולפנים משורת הדין זיינען מוארים און דורכגענומען מיטן חיות פון תורת החסידות.

יא. און דער נתינת כח אויף דער עבודה, און אויך דעם ביאור אין דעם אופן העבודה בזה - האט מען פון דעם מאמר "וקבל היהודים", וואס דארטן רעדט זיך כו"כ פרטים אין דעם אופן העבודה.

און די וואס דארפן אנקומען צו הסברה נוספת - איז ע"ד ווי דער אלטער רבי שרייבט בהקדמתו לתניא אז ער בעט אז די "גדולים שבעיר" זאלן מסביר זיין די ענינים וואס שטייען אין תניא צו די וואס דארפן אנקומען צו הסברה נוספת, איז-עד"ז בנוגע צו די הוראות פון רבותינו נשיאינו, ממלאי מקומו פון דעם אלטן רבי'ן, ביז צו כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וואס לאורם נסע ונלך - אז די משפיעים און די משפיעות[36] דארפן דאס מסביר זיין צו די וואס דארפן אנקומען צו הסברה נוספת,

סיי ווען יענער בעט אז מ'זאל אים דאס מסביר זיין, און אפי' אויב ער בעט ניט, דארף מען אים דאס אויך מסביר זיין, ואדרבה, ווען יענער בעט ניט אז מ'זאל אים מסביר זיין, דארף מען זיך נאכמער[37] משתדל זיין צו מסביר זיין אים די הוראות בנוגע לפועל פון די נקודות וענינים המבוארים בהמאמר.

* * *

- ז -

יב. נאך אן ענין וואס איז אויך פון די מטרות פון דער התוועדות:

דער דין איז דאך[38] אז שלשים יום לפני החג איז שואלין ודורשין בהלכות החג, וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז בנוגע צו יעדער ענין ציבורי וואס דארף מען שוין אנהויבן זיך מתעסק זיין אין דעריף שלשים יום לפנ"ז.

ובנוגע לענייננו: אזוי ווי "פורים קטן" איז דאך שלשים יום לפני "פורים גדול" (ווי דער אלטער רבי רופט דאס אן בסידורו) - איז כאן המקום מעורר זיין וועגן די הכנות צו "מבצע פורים", אז דאס זאל זיין מיטן גאנצן שטורעם, ביז אז דאס וועט דערגרייכן "ביום אחד"[39] צו אלע אנשים נשים וטף וועלכע געפינען זיך "בכל מדינות המלך"[40], מלכו של עולם[41], מלך מלכי המלכים הקב"ה.

וואס כדי אז מ'זאל קענען דורכפירן דעם "מבצע פורים" כדבעי, דארף זיין די הכנה לזה באופן מסודר - ווארום אע"פ אז דאס ברענגט דערנאך צו א שמחה אין אן אופן פון "עד דלא ידע"[42], למעלה פון סדר און מדידה והגבלה, אעפ"כ דארף אבער די הכנה לזה זיין באופן מסודר.

און דערפאר איז מען שוין מעורר וועגן דעם ענין פון "מבצע פורים" - און ווי גערעדט בארוכה די פרטים שבזה בשנים שעברו.

"ומיסמך גאולה לגאולה"[43] - אז די גאולה פון פורים איז שוין א הכנה, און א הכנה אין אן אופן פון "מיסמך", צו דער גאולה פון פסח - וואס די איז פארבונדן מיט "מבצע פסח".

* * *

יג. בהמשך להמדובר לעיל וועגן דעם ענין פון שליחות - די שליחות פון כאו"א מישראל אויף מאכן א דירה לו ית' בתחתונים, קומט נאך צו אין דעריף אן ענין מיוחד:

אזוי ווי כל עניני התורה זיינען אין אן אופן פון כללות ופרטות[44], איז פארשטאנדיק, אז בכללות-איז כל אחד ואחד מישראל שלוחו של מקום לעשות

- ח -

לו ית' דירה בתחתונים, ס'זיינען אבער דא די וואס ביי זיי שטייט דער ענין השליחות בגלוי יותר, ביז אז דאס קומט ארויס אין דעם ענין השליחות כפשוטה.

ובנוגע לענינננו – וואס דאס איז אויך פון די מטרות פון דער התוועדות – זיינען דאס די שלוחים וואס האבן זיך (ע"פ השגחה פרטית) מתנדב געווען און זיי פארן אין ירושלים עיה"ק, "עיר שחוברה לה יחדיו",[45] אין ירושלים העתיקה, און פון דארטן – אויך אין ירושלים החדשה[46]

[שלא כדעת הטועים אז עס הויבט זיך אן פון ירושלים החדשה און פון דארטן קומט מען צו ירושלים העתיקה – וואָרום "קרית חנה דוד"[47] איז ירושלים העתיקה, וואס די איז די "עיר הבירה" וואס איז געגעבן געווארן צום "עם עולם" אין אן אופן פון "נחלת עולם", און דורך ירושלים העתיקה האט מען אויך ירושלים החדשה, און פרברי' וכל הסביבה שלה, מיט אלע גבולות פון ירושלים],

און אויך אין צפת עיה"ק – כידוע אז אין צפת איז געווען התחלת הגילוי פון חכמת הסוד, חכמת הקבלה (ווי זי ווערט אויך אנגערופן "חכמת האמת")[48], וואָרום דארטן האט דער אריז"ל מגלה געווען תורתו, און אין אן אופן אז דאס איז אנגעקומען אויך לדורותיו אחריו, דורך תלמידו ר' חיים וויטאל, און דערנאך דורך "גורי האריז"ל".[49]

[וואס דאס איז פארבונדן דערמיט וואס מ'האט זיך משתדל געווען אז ס'זאל זיין דער ענין פון ישוב ארץ ישראל בכלל, ובפרט אין צפת און אין ירושלים (העתיקה) און אין חברון און אין טבריה – וואס דאס זיינען די ד' עיירות וועלכע זיינען געווען פארבונדן במיוחד מיט כולל וכו'].

וכאמור אז אין דערויף זעט מען דעם ענין השליחות בגלוי לעיני כל למטה מעשרה טפחים: – אז עס האבן זיך מתנדב געווען אברכים און נשיהם וילדיהם, און אויך בחורים, "בחורים מעט",[50] און זיי פארן בעזרת ה' בקרוב

- ט -

ממש אין ירושלים העתיקה, און דורך איר אויך אין ירושלים החדשה (ביז אין אן אופן פון "עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל"[51]), ועד"ז אין צפת.

יד. און ס'איז דאך א זיכער אז זיי פארן אלס שלוחים פון כל המסובים והנמצאים כאן, און דורך זיי – אויך בשליחות פון דעם גאנצן קיבוץ פון בנ"י וועלכע געפינען זיך במדינה זו.

און דורך דערויף וואס זיי פארן אהינצו, איז דאס כאילו ווי יעדערער פארט אליין אהינצו, און איז זיך מתיישב דארטן, און איז מעודד ומחזק די אידן וואס געפינען זיך אין אה"ק אז ס'זאלן מרבה זיין ולהגדיל ולהאדיר דעם ענין פון הפצת התורה, סיי נגלה דתורה און סיי פנימיות התורה,

כולל אויך דעם ענין פון "תורה" מלשון "הוראה"[52] – דער ענין החינוך (ווי גערעדט אין דעם מאמר), און דערפון זאל ארויסקומען דער "המעשה הוא העיקר"[53] – וויבאלד אז "גדול תלמוד שמביא לידי מעשה"[54] – דער ענין פון מעשה בפועל.

וואס די פעולה בזה דארף זיין–אנהויבנדיק פון דעם ביסוס וחיזוק פון די מוסדות תורה און מוסדות חינוך הקיימים כבר, און אויך מייסד זיין (בכל מקום וואו מ'דארף האבן) מוסדות תורה וחינוך חדשים,

צוזאמען מיט א מקוה טהרה – וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם ענין פון "וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם"[55], און "אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין[57] ומי מטהר אתכם"[58].

און אויך פארגרעסערן (נאכמער) דעם ענין פון הפצת "חכמת האמת", צוזאמען מיט פירושה וביאורה ווי דאס ווערט ארויסגעגעבן דורך רבותינו נשיאינו אין תורת החסידות, אנהויבנדיק פון תורת הבעש"ט והמגיד, און דערנאך אין תורת חסידות חב"ד[59] פון דעם אלטן רבי'ן און ממלאי מקומו, ביז צו כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

- י -

טו. אזוי ווי מ'וויל דאס פארבינדן מיט אן ענין של מעשה בפועל (ווי ס'איז אויך געווען בפעמים הקודמות)[60] – וועט מען איצטער געבן יעדערן פון זיי ספרים פון רבותינו נשיאינו (אדער ספרים וואס זיינען מבאר די מאמרים ותורות פון רבותינו נשיאינו) – דער ענין פון תורה,

און אויך געלט, סיי אויף דעם ענין פון "ושבי' בצדקה"[61] – געבן לצדקה לפני נסיעתם, און דערנאך אויך געבן לצדקה אין אה"ק, אנהויבנדיק פון נתינת הצדקה (און לימוד התורה) ביים כותל המערבי (אין ירושלים העתיקה), און דערנאך – ביי כל אחד ואחת מתאים לשליחותם;

און אויך אויף התחלת ההוצאות וואס זיי וועלן האבן אין אה"ק – וויבאלד אז מ'דארף האבן סיי דעם ענין פון "קמח" און סיי דעם ענין פון "תורה"[62]

און אין אן אופן אז דער "קמח" און די "תורה" זאלן זיין פארבונדן זב"ז, וואס דעמולט איז דער "קמח" העכער, ווארום אע"פ אז בעיני בשר זעט א ניט איד אז דאס איז "קמח" כפשוטו, איז דאך אבער אמיתית הענין אז דאס איז אין אן אופן ווי "קמח" שטייט אין "תורה", ועד"ז לאידך; אז די "תורה" איז פארבונדן מיטן "קמח" – אז ווי "תורה" שטייט בשרשה ומקורה, וואס זי איז דאך חכמתו ורצונו של הקב"ה,[63] ווערט זי אויך נמשך דא למטה, ביז אז דאס ווערט אנגעזעהן אין חיצוניות עוה"ז הגשמי, ביז אז דאס דערנעמט און איז מבטל די חומריות פון עוה"ז הגשמי, כמבואר בכ"מ.

טז. וכמובן אז דאס רעדט זיך וועגן כל אחד ואחת פון די שלוחים, סיי אנשים און סיי נשים,

בדוגמא ווי ס'איז געווען ביי מ"ת, אז דאס איז געווען סיי צו אנשים און סיי צו נשים, ואדרבה, פריער איז געווען "כה תאמר לבית יעקב – אלו הנשים",[64] און ערשט דערנאך "ותגיד לבני ישראל – אלו האנשים".[65]

ועד"ז געפינט מען אויך בנוגע צו כיבוש הארץ בפעם הראשונה, אז בנות

- יא -

צלפחד האבן געמאנט "תנה לנו אחוזה" אין א"י,[66] ביז וואנעט אז "ויקרב משה את משפטן לפני ה'",[67] מיטן גאנצן שטורעם וואס בנות צלפחד האבן אויפגעטאן – וואס דורך ~~זיי~~ [עצם] איז נתגלה געווארן די חביבות וואס [כ]נשי ובנות ישראל האבן צו ארץ ישראל;[68]

ועד"ז איז פארשטאנדיק בנוגע צו נשי ובנות ישראל בכל הדורות, ועאכו"כ בימינו אלו – כמבואר בכ"מ[69] אז דרא דעקבתא דמשיחא איז בדוגמא צום דור פון משה רבינו (צי מ'פארשטייט דאס יע צי מ'פארשטייט דאס ניט – אבער "אזוי אזוי איז דער ענין").[69*]

[כ"ק מו"ח אדמו"ר האט דערציילט פון ר' הירשל טשערניגעווער (ער איז געווען א גרויסער חסיד און א גרויסער למדן, און א רב אין טשערניגאוו, אבער ביי חסידים האט מען אים גערופן ר' הירשל טשערניגעווער, דער רב פון טשערניגאוו), אז ער פלעגט זיך קאכן אין חסידות, און דערנאך פלעגט ער מסיים זיין און א געשריי-טאן, צי מ'פארשטייט דאס יע צי מ'פארשטייט דאס ניט, אבער אזוי אזוי איז דער ענין].

יז. ויה"ר אז די אלע פרטים פון דער שליחות זאלן זיין א התחלה און א הכנה והקדמה קרובה, אז בקרוב ממש וועלן אלע אידן ארויסגיין פון גלות, "בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותנו",[70]

אנהויבנדיק פון די וועלכע האבן ממנה געווען די שלוחים אויף טאן בשליחותם אין די אלע ענינים, וואס דאס זיינען כל המסובים כאן, און על ידם – כל בנ"י בכל מקום שהם וואס ווילן זיך מצטרף זיין דערצו,

ביז וואנעט אז קיין איין און איינציקער איד וועט ניט בלייבן אין גלות,[71] ווארום ס'וועט זיין "ואתם תלוקטו לאחד אחד בנ"י",[72] אז דער אויבערשטער וועט נעמען יעדער אידן און אלע אידן פארן האנט[73] און וועט זיי ארויסנעמען פון דעם גלות,

און בקרוב ממש וועט מען גיין מיט א טאנץ צו מקבל זיין פני משיח צדקנו.

* * *

*69) [illegible] חסידים [illegible] [illegible] ... (handwritten marginal note)

[נתן לכאו"א מהשלוחים שיחיו: קונטרס אהבת ישראל, קונטרס פורים תרפ"ז, מאמר ד"ה ואלה המשפטים, שיחת יום ז"ך שבט תשל"ז ~~להשלוחים העולים לצפת~~. שטר של עשר ~~דאלאר~~ ושטר של ~~דאלאר~~, שטר של מאה לירות וששה שטרות של עשר לירות.

אח"כ נתן לכאו"א מהשלוחות תחיינה: סידור, תניא, קונטרס אהבת ישראל, שיחת ז"ך שבט הנ"ל, מכתב ~~להקאנווענשאן~~ דנשי חב"ד ש.ז. ושטרות ~~פסח~~ כנ"ל. ועוד שני שטרות של ~~דאלאר~~ עבור הוריהם שיחיו.

~~סמו"כ נתן עבור~~ כאו"א מילדי השלוחים שיחיו: סידור, שיחת ז"ך שבט הנ"ל.

* * *

יח. כאן המקום אויך אפגעבן א דאנק ~~פאר~~ די עלטערן פון די שלוחים און שלוחות, וואס זיי האבן זיי אויפגעהאדעוועט אין אזא אופן אז זיי זאלן נעמען אויף זיך די שליחות – וואס יעדער זאך איז טאקע בהשגח"פ, מ'דארף אבער אויך האבן פעולת התחתונים, ובפרט דער ענין החינוך פון דעם פאטער און די מוטער; און אויך דערפאר וואס זיי האבן געגעבן דעם רשיון בשמחה ובטוב לבב אז זיי זאלן פארן אין דער שליחות, אע"פ אז ס'איז ~~דא~~ איך דעתפות שאלות ~~וכו', ווארום~~ אין כאן המקום לדבר ע"ז,

והעיקר – וויבאלד אז ~~די~~ זיינען אינגאנצן בטל ואין שום מקום כלל וכלל, איז א זיכערע זאך אז דאס וועט נאך מוסיף זיין אין ברכת ה', אז יעדערער פון זיי (די עלטערן), און אלע צוזאמען בתוככי כלל ישראל, וועלן האבן בשורות טובות און א סך נחת פון די שלוחים און די שלוחות, און מ'וועט אויפנעמען דעם נחת בשמחה ובטוב לבב.

~~און~~ כדי צו פארבינדן דאס מיט א פעולה בגשמיות למטה מעשרה טפחים – וועט מען געבן צו די שלוחים (~~וויבאלד אז~~ די שלוחות האבן שוין באקומען), סיי די אברכים און סיי די בחורים, שני שקלים פאר יעדערן פון די עלטערן אז זיי זאלן דאס אפגעבן לצדקה, [צוזאמען-מיטן יישר כח (להורים)],

- יג -

און ממשיך זיין ברכת ה' בכל המצטרך להם, ובעיקר - אין דער נקודה הפנימית, אז זיי זאלן האבן א סאך נחת פון די שלוחים.

[נתן לכאו"א מהשלוחים שיחיו שני שטרות של ~~הדאלאר~~ עבור הוריהם שיחיו - לצדקה.]

* * *

יט. אזוי ווי מ'דארף דאך ~~אויך~~ מזכה זיין את כל המסובים כאן אין אן ענין פון ["ציון במשפט תפדה"[61] - דער ענין פון תורה, און] "ושבי' בצדקה"[61] (ווי ס'איז אויך גערוען בפעמים הקודמות) -

וועלן ~~מסחמא~~ ארויסגעבן די טאנקיסטן, און פאנאנדערטיילן ~~די~~ ~~שטרות~~ לכל המסובים, סיי אנשים און סיי נשים (צו די וואס האבן נאך ניט באקומען אלס שלוחים אדער שלוחות) - און וויבאלד אז בשנה זו איז פורים קטן חל ביום השלישי שהוכפל בו כי טוב, "טוב לשמים וטוב לבריות"[75], וועט מען געבן יעדערן פון די מסובים שני שקלים.

ויה"ר אז דאס זאל זיין די הכנה קרובה ממש, אז בקרוב ממש וועט מען זעהן בפועל דעם ענין פון "ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה"[19], ווי ס'שטייט בפרשת שבוע זה, - אז ס'וועט זיין "והיו מלכים אומניך ושרותיהם מניקותיך"[77], וואס דער ענין (אז א "מלך" און א "שר" זאלן זיך פארנעמען מיט א פשוט מישראל) נעמט זיך מצד דעם ענין פון "ונפלינו אני ועמך גו'",

זאל דאס זיין למטה מעשרה טפחים, און בדרכי נועם ודרכי שלום, ובקרוב ממש - נאך אין זמן הגלות,

און דערפון וועט מען גלייך קומען צו דעם ענין פון "מיד הן נגאלין"[78], ובשמחה וטוב לבב.

* * *

כ. כמדובר כמ"פ אז המעשה הוא העיקר – אנהויבנדיק פון די שלוחים און שלוחות, אז זיי זאלן דורכפירן שליחותם בהצלחה רבה ומופלגה (מיטן נתינת כח פון כל המסובים כאן),

סיי בנוגע צו לימוד התורה, און סיי בנוגע צו קיום המצוות, סיי בנוגע צו ישוב הארץ בפנימיות, און סיי בנוגע צו ישוב הארץ בגשמיות, ~~אז מ'זאל~~ מחזק זיין און מעודד זיין את לבב כל אחד ואחת וואס געפינט זיך אין אה"ק, "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה' אלקיך בה מרשית השנה ועד אחרית שנה",[79] אז זאלן וויסן אז "עוצו עצה ותופר דברו דבר ולא יקום כי עמנו א-ל".[80]

און ס'וועט זיין דער ענין פון שלימות הארץ, אז גאנץ ארץ ישראל לגבולותי' וועט זיין "נחלת עולם" צום "עם עולם", צוזאמען מיט שלימות העם און שלימות התורה – וואס די אלע דריי (שלימות הארץ, שלימות העם און שלימות התורה) נעמען זיך פון דער שלימות האמיתי, וואס דאס איז די שלימות פון עצמות ומהות,

וואס "עיקר שכינה בתחתונים היתה"[81] דוקא, און דורך יעדער פעולה, במחשבה אדער בדיבור אדער במעשה, וואס א איד טוט ווי דער אויבערשטער וויל, וואס דאס איז דער ענין פון קיום המצוות כפשוטו, ביז צו "כל מעשיך לשם שמים" און "בכל דרכיך דעהו" – מאכט ער אויך א דירה לו ית' בתחתונים,

און דורך דעריף ברענגט ער "תשועה והצלה", כפס"ד הרמב"ם,[82] צוזאמען מיט כל עניני ברכות, ביז צו א ברכה כפשוטה בחיצוניות העולם, אין בני חיי ומזוני, ובכולם – רויחי, נאך אין די לעצטע טעג פון גלות, ביז צום מרחב האמיתי וואס וועט זיין בביאת משיח צדקנו.

כא. און דאס וועט מוסיף זיין כח ועוז, אז מ'וועט זעהן בעיני בשר ווי דער "רגשו גוים ולאומים יהגו" איז "ריק",[83] און אז "יושב בשמים ישחק ה' ילעג למו",[84]

און בדרכי נועם ודרכי שלום וועט מען איינעמען גאנץ ארץ ישראל לגבולותי', און דער ישוב וועט זיין מיוסד אויף מוסדות תורה און מוסדות תפלה, אז ס'וועט זיין דער "הקול קול יעקב" אין די בתי כנסיות ובתי מדרשות, צוזאמען ובהקדמת מקוה טהרה, כמדובר כמ"פ.

וכמדובר כמ"פ אז בשעת א איד שטעלט זיך אוועק בתוקף המתאים, איז פארן "אמת" ווערט מען נתפעל, און די גאנצע מציאות פון דעם מעלים ומסתיר ווערט אינגאנצן בטל, און נאכמער: ער ווערט גאר א מסייע דערצו אז ארץ ישראל לגבולותי' זאל ווערן "נחלת עולם" – אין דעם העלם והסתר פון וועלט גופא – צום "עם עולם", וואס דאס איז כל אחד ואחת מישראל, ווארום "ועמך כולם צדיקים לעולם ירשו ארץ", כולל-"ארץ" כפשוטה, ארץ הקודש, וויבאלד אז זיי זיינען "נצר מטעי מעשה ידי להתפאר".

און מ'וועט זעהן ווי ס'ווערן בטל די אלע מבלבלים וואס טענה'ן אז ס'איז נאך ניט געקומען דער זמן אויף דערביף, און מ'דארף זיך פירן באופן אחר, און "אל תתגרה בגוי (גדול וקטן", מיט אלע טענות דורך וועלכע מ'וויל מבלבל זיין און מונע זיין אידן פון האלטן ארץ ישראל לגבולותי' כפס"ד השו"ע, מתוך מנוחה ושמחה וטוב לבב.

וכמדובר כמ"פ אז בשעת מ'האט די כלי נשק כדבעי, וועט מען יוצא זיין דערמיט אליין וואס מ'וועט דאס האלטן, אז דאס וועט פועל'ן דעם "תפול עליהם אימתה ופחד" וויבאלד אז דאס איז "בגדול זרועך", ניט "כחי ועוצם ידי", נאר דערפאר וואס מ'גייט בשליחותו של הקב"ה, וועט זיין דער "ידמו כאבן".

כב. ויה"ר אז פון דער סדרה פון "כי תשא" (וואס מ'לייענט בתורה בשבוע זה), וואס דארטן שטייט "ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה", און דארטן רעדט זיך וועגן די י"ג מדה"ר וואס "אינן חוזרות ריקם", און אויך וועגן די לוחות האחרונות, וואס אין עבודת האדם איז דאס דער ענין התשובה, "לאתבא צדיקייא בתיובתא" –

- טז -

וועט מען קומען צו די סדרה שלאחרי' - אז ס'וועט זיין דער "ויקהל משה (ס'וועט זיין "הקיצו ורננו שוכני עפר"[98] ומשה ואהרן עמהם)[99] את כל עדת בנ"י"[100], אז ער וועט מקהיל זיין קהילות גדולות[101],

און בקרוב ממש וועט מען זוכה זיין צו זעהן דעם ביהמ"ק השלישי, וואס דעמולט וועט מען אויך זעהן דעם משכן שעשה משה - ווארום מעשה ידי משה זיינען נצחיים און ידי עכו"ם האבן אין דערויף ניט שולט געווען[102], און בשעת אז ס'וועט געבויט ווערן דער ביהמ"ק השלישי, וועט אויך נתגלה ווערן דער משכן שעשה משה - וואס וועגן דערויף רעדט זיך אין פרשה "ויקהל" (און אין פרשת "פקודי"),

און ס'וועט זיין דער ענין פון "אלה פקודי המשכן גו' אשר פקד על פי משה"[103], און מ'וועט זוכה זיין צו דעם ענין פון "ויקרא אל משה"[104], און דורך אים וועט זיין "תצוה את בנ"י"[106], דאס וועט אנקומען לכל אחד ואחת מישראל,

ביז אז ס'וועט זיין "ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים"[107], ווי דער רמב"ם איז מסיים בסוף הל' מלכים וסוף ספרו "יד החזקה" -

כן תהי' לנו, בעגלא דידן, ובקרוב ממש.

* * *

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה וועלן מסתמא מאכן א ברכה אחרונה.

נתן היין והמזונות החתונה

נתן בקבוק משקה להשלוחים שיהיו הנסעים לירושלים העתיקה, ואמר: מ'זאל דאס טיילן ביים כותל המערבי, און דערנאך-בכל ירושלים כולה.

וכן נתן בקבוק משקה להשלוחים שיהיו הנוסעים לצפת.

טרם צאתו התחיל לנגן כי בשמחה תצאו.

* * *

1) נדפס בסה"מ ה'תשי"א ע' 180 ואילך.

2) ירושלמי ברכות פ"ד ה"א. הובא בפרש"י עה"פ שם.

3) לי הכתוב – שמ"א א, כב.

4) ב"ר פ"ל, ח.

5) רמב"ם הל' קדה"ח פ"ב ה"ב.

6) ראה בארוכה שיחת י"ב תמוז תשל"ז ס"כ ואילך.

7) ראה במדב"ר פי"ב, ג.

8) ברכות כח, א. ושו"נ.

9) סי"ד.

10) ע"ד מ"ש (מ"א א, כא) "אני ושלמה בני חטאים", דהפי' בזה "חסרים" (פרש"י). ראה לקו"ת מטות פב, א.

11) אבות פ"ב מי"ב.

12) משלי ג, ו.

13) ראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א. וראה לקו"ש ח"ג ע' 907. 932.

14) תהלים ח, ג.

15) ד"ה וקבל היהודים הנ"ל פ"ב.

16) שהש"ר פ"ב, ג. וראה גם בהנסמן בסה"מ שם ע' 181 בהערה. ועוד.

17) טושו"ע (ואדה"ז) בתחלתו.

18) ד"ה הנ"ל פי"ד.

19) תשא לג, טז.

20) סה"מ תרע"ח ע' רכג.

21) פמ"ט (סט, סע"ב ואילך).

22) ראה תניא פרק לב.

23) ישעי' ס, כא.

24) סנהדרין ר"פ חלק.

25) כלאים פ"ט ה"ג.

26) ראה בארוכה תשובות וביאורים ע' 28 ואילך.

2

27) תנחומא נשא טז. במדב"ר פי"ג, ו. ועוד.

28) ויגש ו (הובא בלקו"ת ויקרא ב, א).

29) שם א, ג ואילך.

30) ברכות לד, ב. וש"נ.

31) ראה מפענח צפונות פ"ה.

32) נצבים ל, יא-יב.

33) שם, יד.

34) ברכות ז, א. וש"נ. וראה ב"מ פג, א ובפרש"י שם ד"ה בדרך טובים.

35) ראה שו"ע חו"מ סרנ"ט ס"ה.

36) ראה ג"כ שיחת י"ט כסלו תשל"ז סמ"ט ואילך. הוספה לקונטרס אהבת ישראל – הוצאה מיוחדת להמשפיעים.

כיון שאסור בוא עד פני פ-שאינו יודע שאסור הוא.

37) וראה שיחת יו"ד שבט ש.ז. סי"ד ואילך.

38) שו"ע אדה"ז ריש הלכות פסח. וש"נ.

39) ע"ד ל' הכתוב – אסתר ג, יג.

40) אסתר א, כב.

41) ראה מגילה טו, ב. אסתר"ר עה"פ שם ו, א.

42) מגילה ז, ב.

43) מגילה ו, סע"ב.

44) ראה פרש"י ותו"כ ר"פ בהר. חגיגה ו, סע"א ואילך. וש"נ.

45) תהלים קכב, ג.

46) ראה מגילה ב, ב: "כרך וכל הסמוך לו וכל הנראה עמו נידון ככרך".

47) ישעי' כט, א.

48) ראה אגה"ת ספ"ב. הל' ת"ת לאדה"ז פ"א ה"ד.

49) שכולו אסף הוראות המידות (ס' חסידים, [illegible] (וראה [illegible]) ועוד). ובעצמים רבות [illegible]

ופרד [illegible] זכה [illegible] הרה) לסוף הקדמתו לס' [illegible] ההקדמות. ומפלא.

50) ע"ד ל' הכתוב – תהלים פט, כ.

51) ראה יל"ש ישעי' רמז תקג.

52) ראה זח"ג נג, ב.

53) אבות פ"א מי"ז.

54) קידושין מ, ב.

55) יחזקאל לו, כה.

56) סיום וחותם מסכת יומא ופרק יוהכ"פ. ולהעיר שמסכתא יומא נקראת בכ"מ גם בשם מסכת יוהכ"פ.

57) במשנה שלפנינו בש"ס ובמשניות הל' הוא "מי". אבל בירושלמי, רי"ף ועי' כאן (וכ"ה ברד"ה ארע"ק אשריכם שבהערה הבאה) הוא כבפנים.

58) ראה ד"ה ארע"ק אשריכם (אוה"ת יוהכ"פ ע' א'תקעו ואילך). לקו"ש אחרי תשל"ו ס"ו ואילך.

59) שע"י באה פנימיות התורה באופן ד"יתפרנסון" - ראה בארוכה לקו"ש ח"ז ע' 206.

60) ראה ג"כ בהשיחה להשלוחים העולים לצפת, יום ג', ז"ך שבט תשל"ז (נדפסה בלקו"ש משפטים תשל"ז).

61) ישעי' א, כז.

62) ראה אבות פ"ג מי"ז: אם אין קמח אין תורה, אם אין תורה אין קמח.

63) ראה תניא פ"ד.

64) יתרו יט, ג.

65) מכילתא ופרש"י עה"פ. שמו"ר פכ"ח, ב.

66) פינחס כז, ד.

67) שם, ה.

68) ראה פרש"י שם כו, סד, שהנשים "היו מחבבות את הארץ". ובפרט בנות צלפחד - ראה פרש"י שם כז, א: יוסף חבב את הארץ כו' ובנותיו חבבו את הארץ. וראה תנחומא פינחס ז. במדב"ר פכ"א, י.

69) שער הליקוטים להאריז"ל עה"פ שמות ג, ד. שער הגלגולים הקדמה כ'.

70) לשון הכתוב - בא י, ט.

71) ראה בארוכה לקו"ש חי"א ע' 1 ואילך.

72) ישעי' כז, יב.

73) ראה פרש"י נצבים ל, ג: אוחז בידיו ממש.

74) ראה לקו"ת ר"פ דברים.

75) פרש"י בראשית א, ז.

76) קידושין מ, א. ובאוה"ת (בראשית לג, ב. משפטים ע' א'קנז. ועוד) מקשר זה עם יום השלישי שהוכפל בו כי טוב.

77) ישעי' מט, כג.

78) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.

79) עקב יא, יב.

80) ישעי' ח, יא.

81) שהש"ר ~~אא~~ פ"ה, א. וש"נ. וראה ד"ה באתי לגני הש"ת בתחלתו.

82) הל' תשובה פ"ג ה"ד.

83) תהלים ב, א.

84) שם, ד.

85) תולדות כז, כב.

86) ראה ב"ר פס"ה, כ.

87) שיחת מוצאי ש"פ לך לך ש.ז. ס"כ. מוצאי ש"פ חיי שרה ש.ז. סמ"ה.

88) דעולם הוא מלשון העלם והסתר - לקו"ת שלה לז, ד. ובכ"מ.

89) ראה פסחים קיג, א.

90) ראה שו"ע (ואדה"ז) או"ח סשכ"ט ס"ו. וראה שיחת כ"ד טבת ש.ז. סכ"ב ואילך - בארוכה.

91) בשלח טו, טז.

92) עקב ח, יז.

93) תשא לד, ו-ז.

94) ר"ה יז, ב.

95) תשא לד, א ואילך.

96) ראה ד"ה ויתן לך תרס"ו. ובכ"מ.

97) הובא בלקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש נ, סע"ב. וראה זח"ג קנג, ב.

5

98) ישעי' כו, יט.

99) ראה תודל"ה אחד – פסחים קיד, ב. יומא ה, ב.

100) ויקהל לה, א.

101) ילק"ש ר"פ ויקהל (הובא בשו"ע אדה"ז או"ח סר"צ ס"ג).

102) סוטה ט, סע"א.

103) פקודי לח, כא.

104) ויקרא א, א.

105) ראה לקו"ש תצוה – ז' אדר ש.ז. בסופו, ש"ואתה" מורה על עצמיות שלמעלה משם ותואר, ו"תצוה" מלשון צוותא וחיבור, והיינו שנעשה צוותא וחיבור דבנ"י עם עצמיות דמשה, המקשרם עם עצמות א"ס.

106) תצוה כז, כ.

107) ישעי' יא, ט.

בס"ד. שיחת יום ג', פורים קטן ה'תשל"ח.

א. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה וקבל היהודים.

ב. מ'האט דערמאנט פריער (בהמאמר) אז בשנה זו הויבט זיך אן דער יובל השני זינט דער מאמר „וקבל היהודים" איז געזאגט געווארן בפעם הראשונה (בשנת תרפ"ז)[1].

[ובפרט נאך אז פאר א יארן איז ניט געווען א שנת העיבור, ובמילא איז דאך ניט געווען קיין „פורים קטן" — קומט דאך אויס אז דאס איז אויך דער „פורים קטן" פון דעם סיום וחותם פון יובל הראשון[2]; אבער דאך, בעיקר איז דאס דער ערשטער „פורים קטן" פון יובל השני].

און וויבאלד אז „יובל" איז „עולמו של לוי", כמרז"ל[3] עה"פ[4] „וישב שם עד עולם", „עולמו של לוי[5] חמשים שנה" — איז פארשטאנדיק, אז בשעת עס הויבט זיך אן דער יובל השני, איז דאס אן אופן פון „ראה עולם חדש"[6].

ד.ה. אז בנוגע צו אלע אופני העבודה (וואס עבודה איז דאך תכלית בריאתו כמחז"ל[7] אני נבראתי לשמש את קוני) וועלכע זיינען געווען ביי אים לפנ"ז, אין דעם ערשטן יובל [וואס וויבאלד אז „כל ישראל בחזקת כשרות"[8] איז דאס זיכער געווען כדבעי] — ווערט איצטער אן „עולם חדש", א נייער סדר אין עבודה, באופן נעלה יותר[9] לגבי ווי עס איז געווען אין דעם יובל הראשון (פון תרפ"ז ביז תשל"ז)[10].

ג. ומובן בפשטות דער גודל העילוי וואס ווערט אויפגטאן ביובל השני —

וואס אע"פ אז אויך אין דעם ערשטן יובל איז דאך דא בכל יום ויום דער ציווי (צוזאמען מיטן נתינת כח[11]) פון „מעלין בקודש"[12] — איז אבער פאר־שטאנדיק, אז ס'איז ניט דומה די עלי' וואס איז דא מיום ליום צו דער עלי' וואס איז דא משבוע לשבוע, צו דער עלי' וואס איז דא מחודש לחודש, ביז צו דער עלי' וואס איז דא אין א שנה חדשה,

[כמבואר אין מדרשי רז"ל אז ווען ס'הויבט זיך אן א נייער יאר (א נייער „תמליכוני עליכם"[13]), הויבט זיך אן א נייער אופן אין עבודה, וכמובן אויך פון אגה"ק[14] אז בכל ר"ה ווערט נמשך אן „אור חדש עליון יותר שלא הי' מאיר עדיין מימי עולם אור עליון כזה" (און דערנאך קומט דאס אראפ בהתלבשות אין מעשה התחתונים בכל יום מימות השנה)],

איז דערפון פארשטאנדיק דער גודל העילוי וואס קומט צו משמיטה לשמיטה (במכש"כ פון דעם גודל העילוי וואס קומט צו משנה לשנה), ועאכו"כ ווען ס'קומט די עלי' פון דעם ערשטן יובל צום צווייטן יובל (וואס אין א יובל זיינען דא שבעה שמיטות — זיבן מאל דער עילוי משמיטה לשמיטה ודשנת היובל[15]).

ד. דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז אויב מאיזה סיבה שתהי' איז געווען אן ענין של („חטא") חסרון[16] אין דער עבודה במשך פון דעם יובל הראשון — איז בשעת ס'קומט דער יובל השני קען מען ממלא זיין אויך דאס וואס עס האט געפעלט אין דער עבודה ביובל הראשון,

ביז — אנהויבן אן עבודה חדשה, ביז אין אן אופן — אז זי איז אין אן אופן של חידוש גמור לגבי עבודתו עד עתה, אין דעם יובל הראשון.

ה. אין עבודת ה' זיינען דאך פאראן כו"כ פרטים, ביז צו „כל מעשיך לשם שמים"[17] און „בכל[18] דרכיך דעהו"[19] — איז אבער פארשטאנדיק, אז דער חידוש וואס דארף זיין אין דער עבודה, דארף זיין לכל לראש אין די ענינים וועגן וועלכע ס'רעדט זיך אין דעם מאמר (תורה — הוראה) ד"ה „וקבל היהודים".

וואס עיקר הנקודה אין דעם מאמר איז דער ענין פון חינוך, חינוך כפשוטו, אז ס'זאל זיין „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז"[20] (וואס דאס ברענגט דעם ענין פון „להשבית אויב ומתנקם"[20]),

וואס דאס איז אויך נוגע צו גדולים, סיי גדולים בשנים, און סיי גדולים באמיתית ענין — אין עבודת ה', זיי דארפן אויך אנקומען צו דער עבודה פון „מפי עוללים ויונקים יסדת עוז".

ו. דער ענין פון „עוז" איז דער ענין התורה, ווי ער ברענגט אין דעם מאמר[21] מארז"ל[22] „אין עוז אלא תורה" —

אבער „תורה" האט דאך כו"כ שמות (ניט נאר „עוז"), איז וויבאלד אז מ'האט דא אויסגעקליבן דעם נאמען „עוז", איז פארשטאנדיק, אז אין דערויף איז מודגש אז די עבודה דארף זיין בתוקף (דער ענין פון „עוז"), אין אן אופן פון „אל יתבייש מפני בנ"א המלעיגים", ווי ס'שטייט אין דער התחלה פון אלע ד' חלקי השו"ע[23].

און ניט נאר „אל יתבייש", נאר אדרבה, ער שטייט אין אן אופן פון תוקף, „איתן"[24] — וואס דעמולט ברענגט דאס אויך אריין הצלחה בכל פרטי עבודתו.

און ווי מ'זעט בפועל, אז בשעת ער פירט אויס שליחותו באופן של חלישות, אדער עכ"פ ניט בתוקף המתאים, איז ער טאקע מקיים דעם „אל יתבייש מפני בנ"א המלעיגים" — דאס קומט אבער ניט צום אופן העבודה ווען ער שטעלט זיך אוועק מלכתחלה בתוקף המתאים, וואס דעמולט איז עבודתו בקלות יותר

וואָס דעמולט איז עבודתו בקלות יותר ובהרחבה יותר, וואָרום די גאַנצע מציאות פון די „מלעיגים" איז ביי אים (בעולמו) ניטאָ.

ז. דאָס איז אויך פאַרבונדן עם האמור לעיל אַז אין דעם יובל השני הויבט זיך אָן די עבודה אין אַן אופן פון „ראה עולם חדש". והביאור בזה:

ס'איז מבואר אין דעם מאמר[25] אַז בשעת ער ווערט נתעלה אין אַ דרגא נעלית יותר (אַז ער איז ניט שייך אל הזולת), איז אים דער זולת ניט מבלבל, בדוגמת ווי ס'איז ניט שייך אַז ער זאָל נתפעל ווערן פון די „מלעיגים" וועלכע געפינען זיך אין אַן אַנדער עולם (אָדער אפי' אין אַן אַנדער שטאָט).

וואָרום דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז בשעת ער שטעלט זיך אַוועק אין אַן „עולם חדש", זיינען די „מלעיגים" ניטאָ במציאות אין זיין עולם, ובמילא דאַרף ער ניט אָנקומען צו דער התבוננות פאַרוואָס ער דאַרף זיך ניט שעמען פאַר די „מלעיגים" —

ער דאַרף נאָר האָבן ביי זיך דעם תוקף אַז ער געהערט צו אַן „עולם חדש", און די אַלע מלעיגים און מסתירים ומבלבלים זיינען געבליבן אין אַן עולם תחתון ממנו, און דעמולט איז בדרך ממילא ילך לבטח דרכו, ומתוך שמחה וטוב לבב.

ח. די התבוננות הכי קלה בזה (ער זאָל דערהערן אַז ער געפינט זיך אין אַן „עולם חדש", העכער פון דעם עולם וואו ס'געפינען זיך די „מלעיגים") איז — ווי ס'שטייט אין דעם שיעור חומש פון היינטיקן טאָג „ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה""[26],

וואָס דער ענין פון „ונפלינו" איז נאָך העכער פון דעם ענין פון „אתה בחרתנו". והביאור בזה:

דער ענין פון בחירה איז שייך דוקא בּאַ צוויי זאַכן וואָס האָבן צווישן זיך עפּעס אַ צד השוה, קען זיין ער זאָל אויסקלייבן די זאַך אָדער די צווייטע זאַך; משא"כ ווען ס'רעדט זיך וועגן צוויי ענינים וואָס האָבן ניט צווישן זיך קיין שייכות און קיין נקודה משותפת, איז ניט שייך אין דערויף דער ענין הבחירה: ער האָט ניט קיין ברירה צו אויסקלייבן די אַנדערע זאַך, וואָרום ס'איז דאָ מערניט ווי איין זאַך וואָס האָט דאָס וואָס ער זוכט (די אַנדערע זאַך האָט דאָך ניט קיין שייכות דערצו).

און דערום זאָגט מען „ונפלינו אני ועמך גו'", כמבואר אין דעם מאמר ד"ה ועתה אם נא מצאתי חן בעיניך פון תרע"ח[27] ובכ"מ: משה רבינו האָט געבעטן ביים אויבערשטן אַז ס'זאָל זיין דער ענין פון „ונפלינו אני ועמך", אידן

זאָלן זיין אין אַן אופן „מופלא לגמרי בבחי' אין ערוך לגמרי מכל העם" — וואָס דעמולט איז אפילו ניט שייך צו זאָגן „אתה בחרתנו" (דער ענין פון בחירה),

וכמבואר אין תניא אַז דער ענין פון „ובנו בחרת מכל עם ולשון" גייט אויף דעם „גוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אומות העולם", משא"כ כו' ובפרט מצד די פנימיות פון אַ אידן, וואָס דאָס איז אמיתית המציאות שלו (וואָרום ביי אים איז „גופו טפל" און „נפשו עיקר") — שטייט ער אין אַן אופן פון „ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה", ער שטייט בהבדלה פון „כל האדם גו'", ביז צו הבדלה אין אַן אופן פון פלא.

און דעמולט איז פאַרשטאַנדיק בפשטות אַז מ'דאַרף גאָרניט מסביר זיין אַז ער האָט ניט וואָס צו רעכענען זיך און נתפעל ווערן פון די „מלעיגים" — וואָרום זיי זיינען ניטאָ במציאות אין זיין וועלט.

ט. וואָס דאָס איז אַ התבוננות פשוטה ביותר — ניט קיין ענין פון „רזי תורה" (וואָס האָט אַ שייכות דוקא צו די אידן וואָס הנהגתם היום-יומית (וואָס אַלעמאָל דאַרף דאָך זיין דער אל יתבייש) איז ע"פ קבלה), נאָר ס'איז פאַרשטאַנדיק פון פשוטם של כתובים ומרז"ל — אַז „ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה".

און דאָס איז אַ התבוננות וואָס איז שייך צו יעדער אידן, וואָרום „כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב שנאמר ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר" — וואָס „כל ישראל" איז דאָך כולל כל אחד ואחת מישראל ממש [חוץ פון די וועלכע מ'רעכנט אויס בפירוש — און אפי' בנוגע צו זיי, איז דאָך אָבער פאַרשטאַנדיק פון ירושלמי אַז נאָך דערויף וואָס זיי האָבן מקבל געווען זייער עונש, ווערן זיי אַ מציאות חדשה, ובמילא האָבן זיי אויך אַ חלק לעוה"ב].

י. וכאמור אַז דאָס איז אַ התבוננות הכי פשוטה — אַז ער באַטראַכט זיך אַז ער איז בנו יחידו של מלך מלכי המלכים הקב"ה, וואָס דאָס איז דאָך ניט נאָר ווען די נשמה איז געשטאַנען למעלה אין דער „איגרא רמא", נאָר אויך ווי די נשמה געפינט זיך אין דער „בירא עמיקתא", ואדרבא, דוקא דאָרטן האָט איר דער אויבערשטער געמאַכט פאַר אַ שליח לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

— ווי ס'שטייט אין מדרש „היו מכבדין את המצוות שהם שלוחיי", וכמבואר בארוכה אין לקו"ת אַז יעדער איד איז „שלוחו של אדם-העליון כמותו", און „כמותו דהמשלח ממש",

וואָס אמיתית ענין שליחות איז ניט אַ פעולה וואָס איז געווען נאָר ווען ער האָט אים ממנה געווען אויף דער שליחות, נאָר דאָס ווערט (בלשון הידוע) אַ „פעולה נמשכת", אַז בכל רגע ורגע באַקומט ער פון-דאָס-ניי דעם מינוי השליחות אויף לעשות לו ית' דירה בתחתונים.

און דער ענין פון לעשות לו ית' דירה בתחתונים איז „לא נפלאת היא ממך ולא רחוקה הגא" און „לא בשמים היא", נאָר ס'איז „קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו" —

דורך דערויף וואָס ער פירט זיך ע"פ שו"ע, און אין דערויף גופא פירט ער זיך לפנים משורת הדין, וואָס דאָס איז דאָך שוין אויך געוואָרן אַ דין אין שו"ע, און ער פירט זיך אין דעם דין און אין דעם לפנים משורת הדין לויט דער הדרכה פון רבותינו נשיאינו אין תורת החסידות, מאור שבתורה, אַז די ענינים שע"פ דין לפנים משורת הדין זיינען מוארים און דורכגענומען מיטן חיות פון תורת החסידות.

יא. די נתינת כח אויף דער עבודה, און אויך דעם ביאור אין דעם אופן העבודה בזה — האָט מען פון דעם מאמר „וקבל היהודים", וואָס דאָרטן רעדט זיך כו"כ פרטים אין דעם אופן העבודה.

און די וואָס דאַרפן אָנקומען צו הסברה נוספת — איז ע"ד ווי דער אַלטער רבי שרייבט בהקדמתו לתניא אַז ער בעט אַז די „גדולים שבעיר" זאָלן מסביר זיין די ענינים וואָס שטייען אין תניא צו די וואָס דאַרפן אָנקומען צו הסברה נוספת — עד"ז בנוגע צו די הוראות פון רבותינו נשיאינו, ממלאי מקומו פון דעם אַלטן רבי'ן, ביז צו כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וואָס לאורם נסע ונלך — אַז די משפיעים און די משפיעות דאַרפן דאָס מסביר זיין צו די וואָס דאַרפן אָנקומען צו הסברה נוספת.

סיי ווען יענער בעט אַז מ'זאָל אים דאָס מסביר זיין, און אפי' אויב ער בעט ניט, דאַרף מען אים דאָס אויך מסביר זיין. ואדרבה, ווען יענער בעט ניט אַז מ'זאָל אים מסביר זיין, דאַרף מען זיך נאָכמער משתדל זיין צו מסביר זיין אים די הוראות בנוגע לפועל פון די נקודות וענינים המבוארים בהמאמר.

* * *

יב. נאָך אַן ענין וואָס איז אויך פון די מטרות פון דער התוועדות:

דער דין איז אַז שלשים יום לפני החג איז שואלין ודורשין בהלכות החג, וואָס דערפון איז פאַרשטאַנדיק אויך בנוגע צו אַ ענין גדול וואָס כו"כ וועלן טאָן אַז מען דאַרף אָנהייבן זיך מתעסק זיין אין דערויף שלשים יום לפנ"ז.

ובנוגע לענינינו: אַזוי ווי „פורים קטן" איז דאָך שלשים יום לפני „פורים גדול" (ווי דער אַלטער רבי רופט זיי אין בסידורו) — איז כאן הזמן והמקום מעורר זיין וועגן די הכנות צו „מבצע פורים", אַז דאָס זאָל זיין מיטן גאַנצן שטורעם, ביז אַז דאָס וועט דערגרייכן „ביום אחד" צו אַלע אנשים נשים וטף וועלכע געפינען זיך „בכל מדינות המלך", מלכו של עולם, מלך מלכי המלכים הקב"ה,

וואָס כדי אַז מ'זאָל קענען דורכפירן דעם „מבצע פורים" כדבעי, דאַרף זיין די הכנה לזה באופן מסודר — וואָרום אע"פ אַז דאָס ברענגט דערנאָך צו אַ שמחה אין אַן אופן פון „עד דלא ידע", למעלה פון סדר און מדידה והגבלה, אעפ"כ דאַרף אָבער די הכנה לזה זיין באופן מסודר.

און דערפאַר איז מען שוין מעורר וועגן דעם ענין פון „מבצע פורים" — און ווי גערעדט בארוכה די פרטים שבזה בשנים שעברו.

„ומיסמך גאולה לגאולה" — אַז די גאולה פון פורים איז שוין אַ הכנה, און אַ הכנה אין אַן אופן פון „מיסמך", צו דער גאולה פון פסח — וואָס זי איז פאַרבונדן מיט „מבצע פסח".

* * *

יג. בהמשך להמדובר לעיל וועגן דעם ענין פון שליחות — די שליחות פון כאו"א מישראל אויף מאַכן אַ דירה לו ית' בתחתונים, קומט נאָך צו אין דערויף איצט — אַן ענין מיוחד:

כל עניני התורה זיינען אין אַן אופן פון כללות ופרטות, אַזוי אויך בכללות — איז כל אחד ואחת מישראל שלוחו של מקום לעשות לו ית' דירה בתחתונים, ס'זיינען אָבער דאָ די וואָס ביי זיי שטייט דער ענין השליחות בגלוי ובפרטות יותר, ביז אַז דאָס קומט אין שליחות כפשוטה.

ובנוגע לענינינו — וואָס דאָס איז אויך פון די מטרות פון דער התוועדות — זיינען דאָס די שלוחים וואָס האָבן זיך (ע"פ השגחה פרטית) מתנדב געווען און זיי פאָרן אין ירושלים עיה"ק, „עיר שחוברה לה יחדיו", אין ירושלים (וואָס מ'רופט זי איצטער אַן) העתיקה, און פון דאָרטן און דורך דאָרטן — אויך אין ירושלים החדשה,

[שלא כדעת הטועים אַז עס הויבט זיך אָן פון ירושלים החדשה און פון דאָרטן קומט מען צו ירושלים העתיקה —

„קרית חנה דוד" אין ירושלים העתיקה, וואָס זי איז די „עיר הבירה" וואָס איז געגעבן געוואָרן צום „עם עולם" אין אַן אופן פון „נחלת עולם", און דורך ירושלים העתיקה האָט מען אויך ירושלים החדשה, און פרוורי' וכל הסביבה שלה, אַלעס וואָס איז אין די גבולות פון ירושלים],

און אויך אין צפת עיה"ק — כידוע אַז אין צפת איז געוועזן התחלת הגילוי פון חכמת הסוד, חכמת הקבלה (ווי זי ווערט אויך אָנגערופן „חכמת האמת"), דאָרטן האָט דער אריז"ל מגלה געווען תורתו, און אין אַן אופן אַז דאָס איז אָנגעקומען לדורותיו אחריו, דורך תלמידיו ר' חיים וויטאַל, דורך „גורי האריז"ל" בכלל.

[וואָס דאָס איז פאַרבונדן דערמיט וואָס מ'האָט זיך משתדל געווען מאַז אַז ס'זאָל זיין דער ענין פון חיזוק ועזר ישוב ארץ ישראל בכלל, ובפרט אין ירושלים (העתיקה) און אין חברון און אין צפת און אין טבריי' — וואָס דאָס זיינען די ד' ארצות וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן במיוחד מיט כוללים וכו'].

וכאמור — אין דערויף זעט מען דעם ענין השליחות בגלוי לעיני כל, למטה מעשרה טפחים: עס האָבן זיך מתנדב געווען אברכים און נשיהם וילדיהם, און אויך בחורים (וכולם — „בחורים מעם"), און זיי פאָרן בעזרת ה' בקרוב ממש אין ירושלים העתיקה, און דורך איר אויך אין ירושלים החדשה (ביז אין אַן אופן פון „עתידה ירושלים שתתפשט בכל ארץ ישראל"), ועד"ז אין צפת.

יד. און ס'איז דאָך זיכער אַז זיי פאָרן אַלס שלוחים פון כל המסובים והנמצאים כאן, און דורך זיי — אויך בשליחות פון דעם גאַנצן קיבוץ פון בנ"י וועלכע געפינען זיך במדינה זו.

און דורך דערויף וואָס זיי פאָרן אהינ־צו, איז דאָס כאילו ווי יעדערער פאָרט אַליין אהינצו, און איז זיך מתיישב דאָרטן, און איז מעודד ומחזק די אידן וואָס געפינען זיך שוין אין אה"ק אַז זיי זאָלן נאָך מער מרבה זיין ולהגדיל ולהאדיר דעם ענין פון הפצת התורה, סיי נגלה דתורה און סיי פנימיות התורה,

כולל אויך דעם ענין פון „תורה" מלשון „הוראה" — דעם ענין החינוך (ווי גערעדט אין דעם מאמר), און באופן אַז דערפון זאָל אַרויסקומען דער „המעשה הוא העיקר" — וויבאַלד אַז „גדול תלמוד שמביא לידי מעשה" — דער ענין פון מעשה בפועל.

וואָס די פעולה בזה דאַרף זיין — אָנהויבנדיק פון דעם ביסוס וחיזוק פון די מוסדות תורה און מוסדות חינוך הקיימים כבר, און אויך מייסד זיין (בכל מקום וואו מ'דאַרף האָבן) מוסדות תורה וחינוך חדשים,

צוזאַמען מיט אַ מקוה טהרה — וואָס דאָס איז פאַרבונדן מיט דעם ענין פון „וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם", און „אשריכם ישראל לפני מי אתם מטהרין ומי מטהר אתכם".

און אויך פאַרגרעסערן (נאָכמער) דעם ענין פון הפצת „חכמת האמת", צו־זאַמען מיט פירושה וביאורה ווי דאָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך רבותינו נשיאינו אין תורת החסידות, אָנהויבנ־דיק פון תורת הבעש"ט והמגיד, און דערנאָך אין תורת חסידות חב"ד פון דעם אַלטן רבי'ן און ממלאי מקומו, ביז צו כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו.

טו. אַזוי ווי מ'וויל דאָס פאַרבינדן מיט אַן ענין של מעשה בפועל (ווי ס'איז אויך געווען בפעמים הקודמות) —

וועט מען איצטער געבן יעדערן פון זיי ספרים פון רבותינו נשיאינו (וספרים וואָס זיינען מבאר די מאמרים ותורות פון רבותינו נשיאינו) — דער ענין פון תורה,

און אויך געלט, סיי אויף דעם ענין פון „ושבי' בצדקה" — געבן לצדקה לפני נסיעתם דאָ, און דערנאָך געבן לצדקה אין אה"ק, אָנהויבנדיק פון נתינת הצדקה (און לימוד התורה) ביים כותל מערבי (אין ירושלים העתיקה), און דערנאָך — כל אחד ואחת מתאים לשליחותם;

און אויך אויף התחלת ההוצאות וואָס זיי וועלן האָבן אין אה"ק — וויבאַלד אַז מ'דאַרף האָבן סיי דעם ענין פון „קמח" און סיי דעם ענין פון „תורה"

[און אין אַן אופן אַז דער „קמח" און די „תורה" זאָלן זיין פאַרבונדן זב"ז, וואָס דעמולט איז דער „קמח" העכער, וואָרום אע"פ אַז בעיני בשר זעט אַ ניט איד אַז דאָס איז „קמח" כפשוטו, איז אָבער אמיתית הענין אַז דאָס איז ווי „קמח" שטייט אין תורה, ברייינגט צו תורה און נתעלה בתורה

ועד"ז לאידך: „תורה" איז פאַרבונדן מיטן „קמח" — ווי „תורה" שטייט בשרשה ומקורה, וואָס זי איז חכמתו ורצונו של הקב"ה, ווערט זי נמשך דאָ למטה, מכריח עס זאָל זיין קמח וכו' — ביז אַז דאָס ווערט אָנגעזעהן אין חיצוניות עוה"ז הגשמי, ביז אַז דאָס דערמאָנט און איז מבטל די חומריות פון עוה"ז הגשמי, כמבואר בכ"מ].

טז. ומובן אַז דאָס רעדט זיך וועגן כל אחד ואחת פון די שלוחים, סיי אנשים און סיי נשים,

בדוגמא ווי ביי מ"ת, אַז דאָס איז געווען סיי צו אנשים און סיי צו נשים, ואדרבה, פריער איז געווען „כה תאמר לבית יעקב — אלו הנשים", און ערשט דערנאָך „ותגיד לבני ישראל — אלו האנשים".

ועד"ז געפינט מען אויך בנוגע צו כיבוש הארץ בפעם הראשונה, אַז בנות צלפחד האָבן געמאָנט „תנה לנו אחוזה" אין א"י, ביז וואָנעט אַז „ויקרב משה את משפטן לפני ה'", מיטן גאַנצן שטורעם וואָס בנות צלפחד האָבן אויפ־געטאָן — וואָס דורך דעם איז נתגלה געוואָרן די חביבות וואָס כל נשי ובנות ישראל האָבן צו ארץ ישראל;

ועד"ז איז פאַרשטאַנדיק בנוגע צו נשי ובנות ישראל בכל הדורות, ועאכו"כ בימינו אלו — כמבואר בכ"מ אַז דרא דעקבתא דמשיחא איז בדוגמא צום דור פון משה רבינו (צו מ'פאַרשטייט דאָס צי מ'פאַרשטייט דאָס ניט — אָבער „אַזוי איז דער ענין").

יז. ויה"ר אַז די אַלע פרטים פון דער שליחות זאָלן זיין אַ התחלה און אַ הכנה והקדמה קרובה, אַז בקרוב ממש וועלן אַלע אידן אַרויסגיין פון גלות, „בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותנו",

אָנהויבנדיק פון די וועלכע האָבן ממנה געווען די שלוחים אויף טאָן בשליחותם אין די אַלע ענינים, וואָס דאָס זיינען כל המסובים כאן, און על ידם — כל בנ"י בכל מקום שהם וואָס ווילן זיך מצטרף זיין דערצו,

ביז וואָנעט אַז קיין איין און איינציקער איד וועט ניט בלייבן אין גלות, וואָרום ס'וועט זיין „ואתם תלוקטו לאחד אחד בנ"י", אַז דער אויבערשטער וועט נעמען יעדער אידן און אַלע אידן פאַרן האַנט און וועט זיי אַרויסנעמען פון דעם גלות.

און בקרוב ממש וועט מען גיין מיט אַ טאַנץ צו מקבל זיין פני משיח צדקנו.

• • •

כא. און דאָס וועט מוסיף זיין כח ועוז, אז מ'וועט זעהן בעיני בשר ווי דער „רגשו גוים ולאומים יהגו" איז „ריק", און „יושב בשמים ישחק ה' ילעג למו",

און בדרכי נועם ודרכי שלום וועט מען איינגעמען גאַנץ ארץ ישראל לגבולותי', און דער ישוב וועט זיין מיוסד אויף מוסדות תורה און מוסדות תפלה, אַז ס'וועט זיין דער „הקול קול יעקב" אין די בתי כנסיות ובתי מדרשות, צוזאַמען ובהקדמת מקוה טהרה, כמדובר במ"פ.

וכמדובר כמ"פ אַז בשעת אַ איד שטעלט זיך אַוועק בתוקף המתאים, איז פאַר אַוועק מען נתפעל, און די גאַנצע מציאות פון דעם מעלים ומסתיר ווערט בטל, און נאָכמער: ער ווערט אַ מסייע דערצו אַז ארץ ישראל לגבולותי' זאָל זיין „נחלת עולם" — אין דעם העלם והסתר פון וועלט גופא — צום „עם עולם", וואָס דאָס איז כל אחד ואחת מישראל, וואָרום „ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ", כולל — „ארץ" כפשוטה, ארץ הקודש, וויבאַלד אַז זיי זיינען „נצר מטעי מעשה ידי להתפאר".

און מ'וועט זעהן ווי ס'וועט בטל די אַלע מבלבלים וואָס טענה'ן אַז ס'איז נאָך ניט געקומען דער זמן אויף אָנ־האַלטן אויך ווייטער אַלע טיילן פון ארץ ישראל וואָס מען האָט, און „אל תתגרה בגוי (גדול ו)קטן", מיט אַלע טענות דורך וועלכע מ'וויל מבלבל זיין און מונע זיין אידן פון אָנהאַלטן ארץ ישראל לגבולותי' כפס"ד השו"ע,

און מתוך מנוחה ושמחה וטוב לבב.

וכמדובר כמ"פ אַז בשעת מ'האָט די כלי נשק בדבעי, וועט מען יוצא זיין דערמיט אַליין וואָס מ'וועט דאָס האַלטן, דאָס וועט פועל'ן דעם „תפול עליהם אימתה ופחד" וויבאַלד אַז דאָס איז „בגדול זרועך",

ניט „כחי ועוצם ידי", נאָר דער־פאַר וואָס מ'גייט בשליחותו של הקב"ה,

— וועט זיין „ידמו כאבן".

כב. ויה"ר אַז פון דער סדרה פון „כי תשא" (וואָס מ'לייענט בתורה בשבוע זה), וואָס דאָרטן שטייט (והתורה היא נצחית) „ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה", און דאָרטן רעדט זיך וועגן די י"ג מדה"ר וואָס „אינן חוזרות ריקם", און וועגן די לוחות האחרונות, וואָס אין עבודת האדם איז דאָס דער ענין התשובה, „לאתבא צדיקייא בתיובתא" —

וועט מען (דורך דעם) קומען צו די סדרה שלאחרי' — אַז ס'וועט זיין „ויקהל משה (ס'וועט זיין „הקיצו ורננו שוכני עפר" ומשה ואהרן עמהם) את כל עדת בנ"י", אַז ער וועט מקהיל זיין קהילות גדולות,

און בקרוב ממש וועט מען זוכה זיין צו זעהן דעם ביהמ"ק השלישי, וואָס דעמולט וועט מען אויך זעהן דעם משכן שעשה משה — וואָרום מעשה ידי משה זיינען נצחיים און ידי עכו"ם האָבן אין דערויף ניט שולט געווען, און בשעת ס'וועט געבויט ווערן דער ביהמ"ק השלישי, וועט אויך נתגלה ווערן דער משכן שעשה משה — וואָס וועגן דערויף רעדט זיך אין פרשת „ויקהל" (און אין פרשת „פקודי"),

און ס'וועט זיין דער ענין פון „אלה פקודי המשכן גו' אשר פקד על פי משה", און מ'וועט זוכה זיין צו דעם ענין פון „ויקרא אל משה". און דורך אים „ואתה", וועט זיין „תצוה את בנ"י", דאָס וועט אָנקומען לכל אחד ואחת מישראל,

ביז אַז ס'וועט זיין „ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים", ווי דער רמב"ם איז מסיים בסוף הל' מלכים וסוף ספרו „יד החזקה" —

כן תהי' לנו, בעגלא דידן, ובקרוב ממש.

• • •

[אמר: די וואָס דאַרפן מאַכן אַ ברכה אחרונה וועלן מסתמא מאַכן אַ ברכה אחרונה.

נתן היין והמזונות — לשמחת חו"כ דהחתונה שהייתה לאח"ז.

נתן בקבוק משקה להשלוחים שיחיו הנוסעים לירושלים העתיקה, ואמר: מ'זאָל דאָס טיילן — כנהוג שם — ביים כותל המערבי, און דערנאָך — בכל ירושלים כולה, בקבוק משקה להשלוחים שיחיו הנוסעים לצפת.

טרם צאתו התחיל לנגן כי בשמחה תצאו].

1) נדפס בסה"מ ה' תשי"א ע' 100 ואילך.

2) דעיבור דשנה זו — ממלא ומשלים (גם) החסרון (לגבי שנת החמה) דשנת הלבנה ד(סיום) היובל הראשון.

3) ירושלמי ברכות פ"ד ה"א. הובא בפרש"י עה"פ. ובמכילתא למשפטים כא, ו (הובא בחצע"ג בפרש"י שם) וקידושין טו, א „שחמישים שנה קרוין עולם".

4) שמ"א א, כב.

5) ראה רמב"ם סוף הל' שמיטה ויובל „ולא שבט לוי בלבד אלא כל איש כו' אשר נדבה רוחו כו'". וראה אוה"ת הק' עה"פ משפטים שם.

6) ב"ר פ"ל, ח.

7) קידושין בסופה.

8) רמב"ם הל' קדה"ח פ"ב ה"ב.

9) ע"פ חזקת כשרות שלו — שמקיים הציווי מעלין בקודש.

10) ראה בארוכה שיחת י"ב תמוז תשל"ז ס"כ ואילך.

11) ראה במדב"ר פי"ב, ג.

12) ברכות כח, א. ושנ"נ.

13) ר"ה טז, א.

14) סי"ד.

15) להעיר משו"ת הרשב"א ח"א ס"ט (ע"ד שמירת ההיקף), מפרשי התורה ובפרט בכתהאריז"ל ובדרושי חסידות בענין היובל.

16) בפרש"י (מ"א א, כא): „אני ובני שלמה חטאים — חסרים". ראה לקו"ת מטות פב, א.

17) אבות פ"ב מי"ב.

18) משלי ג, ו.

19) ראה רמב"ם הל' דעות ספ"ג. טושו"ע או"ח סרל"א. ואה לקו"ש ח"ג ע' 907. 932.

20) תהלים ח, ג.

21) ד"ה וקבל היהודים הנ"ל פ"ב.

22) שהש"ר פ"ב, ג. וראה גם בהנסמן בסה"מ שם ע' 181 בהערה. ועוד.

23) טושו"ע (ושו"ע אדה"ז) בתחלתו.

24) ראה ביאור איתן — בלקו"ת וכו' (כמצויין בס' המפתחות).

25) ד"ה הנ"ל פי"ד.

26) תשא לג, טז.

27) סה"מ תרע"ח ע' רכג.

28) פמ"ט (סט, סע"ב ואילך).

29) ראה תניא פרק לב.

30) אעפ"כ היתה צ"ל בקשת ותפלת משה ע"ז — מפני „הגוף החומרי כו'" (תניא פמ"ט — הובא לעיל בפנים).

31) ישעי' ס, כא.

32) סנהדרין ר"פ חלק.

33) כלאים פ"ט ה"ג.

34) ראה בארוכה תשובות וביאורים ע' 28 ואילך.

35) תנחומא נשא טז. במדב"ר פי"ג, ו. ועוד.

36) ויגש ו (הובא בלקו"ת ויקרא ב, א).

37) שם א, ג ואילך.

38) ברכות לד, ב. ושנ"נ.

39) שלכן בפשטות יכול המשלח לבטלה בכל רגע.

40) ראה מפענח צפונות פ"ה.

41) נצבים ל, יא"ב.

42) שם, יד.

43) ברכות ז, א. ושנ"נ. וראה ב"מ פג, א ובפרש"י שם ד"ה בדרך טובים.

44) ראה שו"ע חו"מ סרנ"ט ס"ה.

45) ראה ג"כ שיחת י"ט כסלו תשל"ז סמ"ט ואילך. הוספה לקונטרס אהבת ישראל — הוצאה מיוחדת להמשפיעים שי'.

46) כיון שחסר הוא עד כדי כך — שאינו יודע שחסר הוא. וראה שיחת יו"ד שבט ש.ז. סי"ד ואילך.

47) שו"ע אדה"ז ריש הלכות פסח. ושנ"נ.

48) ראה ריש שקלים: באחד באדר משמיעין על השקלים. ובכ"מ.

49) ע"ד ל' הכתוב — אסתר ג, יג.

50) אסתר א, כב.

51) ראה מגילה טו, ב. אסת"ר פי", א.

52) מגילה ז, ב.

53) מגילה ו, סע"ב.

54) ראה (פרש"י) תו"כ ר"פ בהר. חגיגה ו, סע"א ואילך. ושנ"נ.

55) תהלים קכב, ג.

56) ראה מגילה ב, ב: „כרך וכל הסמוך לו וכל הנראה עמו נידון ככרך".

57) ישעי' כט, א.

58) ראה ס' טוב הארץ.

59) ראה אגה"ת ספ"ב. הל' ת"ת לאדה"ז פ"א ה"ד.

60) „וכמ"ש האריז"ל דדוקא בדורות אלו האחרונים „מותר ומצוה לגלות זאת החכמה" (אגה"ק רסכ"ו).

61) שכו"כ מהם הובאו ופעמים רבות בס' חסידות (של חסידים) עמק המלך (וראה לקו"ת שה"ש כז, א) ועוד). וכבר שקו"ט בזה ממש"כ הרח"ו בסוף הקדמתו לס' ע"ח ושלש ההקדמות. ואכ"מ.

62) ~~ראה ס' טוב הארץ.~~

63) ע"ד ל' הכתוב — תהלים פט, ב.

64) ראה יל"ש ישעי' רמז תקג.

65) וכהפס"ד דזכין לאדם שלא בפניו (כתובות יא, א. שו"ע חו"מ סרמ"ג ס"ח) ...

66) ראה זח"ג נג, ב.
67) אבות פ"א מי"ז.
68) קידושין מ, ב.
69) דמדתו של הקב"ה מדה כנגד מדה (סוטה ח, ב).
70) יחזקאל לו, כה.
71) סיום וחותם מסכת יומא ופרק יוהכ"פ. ולהעיר שמסכת יומא נקראת בכ"מ גם בשם מסכת יוהכ"פ.
72) במשנה שלפנינו בש"ס ובמשניות חל' הוא "מי". אבל בירושלמי, רי"ף ועוד כאן (וכ"ה כרד"ה ארע"ק אשריכם שבהערה הבאה) הוא כבפנים.
73) ראה ד"ה ארע"ק אשריכם (אוה"ת יוהכ"פ ע' איתקעו ואילך). לקו"ש אחרי תשל"ו ס"ו ואילך.
74) שעי' באה פנימיות התורה באופן ד"יתפרנסון" — ראה בארוכה לקו"ש ח"ז ע' 100.
75) ראה ג"כ בהשיחה להשלוחים שי' העולים לצפת, יום ג', ד"ך שבט תשל"ז (נדפסה בלקו"ש משפטים תשל"ז).
76) ישעי' א, כז.
77) ראה אבות פ"ג מי"ז: אם אין קמח אין תורה, אם אין תורה אין קמח.
78) ראה תניא רפל"ז (מז, ע"ב): וחיותן נכלל ג"כ באוא"ס ב"ה כו'. ושם פ"ז: ועולה לה' כעולה וכקרבן.
79) ראה תניא פ"ד.
80) יתרו יט, ג.
81) מכילתא ופרש"י עה"פ. שמו"ר פכ"ח, ב.
82) פינחס כז, ד.
83) שם, ה.
84) ראה פרש"י שם כו, סד, שהנשים "היו מחבבות את הארץ". ובפרט בנות צלפחד — ראה פרש"י שם כז, א: יוסף חבב את הארץ כו' ובנותיו חבבו את הארץ. וראה תנחומא פינחס ז. במדב"ר פכ"א, י.
85) שער הגלגולים הקדמה כ'. ספר הליקוטים להאריז"ל עה"פ שמות ג, ד.
86) לשון כמה מזקני החסידים לאחרי שקו"ט עמוקה בעניני דא"ח ובכ"ז לא נחה דעתם בהבנת הענין לתכליתו, אלא שהונח (אפגעלייגט) אצלם בודאות ובבהירות.
87) לשון הכתוב — בא י, ט.
88) ראה בארוכה לקו"ש חי"א ע' 1 ואילך.
89) ישעי' כז, יב.
90) ראה פרש"י נצבים ל, ג: אוחז בידיו ממש.
91) ראה לקו"ת ר"פ דברים.
92) פרש"י בראשית א, ז.
93) קידושין מ, א. ובאוה"ת (בראשית לג, ב. משפטים ע' א'קנז. ועוד) מקשר זה עם יום השלישי שהוכפל בו כי טוב.
94) ישעי' מט, כג.
95) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.
96) עקב יא, יב.
97) ישעי' ח, יא.
98) שהש"ר פ"ה, א. ושי"נ. וראה ד"ה באתי לגני השי"ת בתחלתו.
99) הל' תשובה פ"ג ה"ד.
100) תהלים ב, א.
101) ~~תהלים ב, א.~~ שם, ד.
102) תולדות כז, כב.
103) ראה ב"ר פס"ה, כ.
104) שיחת מוצאי ש"פ לך לך ש.ז. ס"כ. מוצאי ש"פ חיי שרה ש.ז. סמ"ה.
105) דעולם הוא מלשון העלם והסתר — לקו"ת שלח לז, ד. ובכ"מ.
106) ראה פסחים קיג, א.
107) ראה שו"ע (ושו"ע אדה"ז) או"ח סשכ"ט ס"ו. וראה שיחת כ"ד טבת ש.ז. סכ"ב ואילך — בארוכה.
108) בשלח טו, טז.
109) עקב ח, יז.
110) תשא לד, ו"ז.
111) ר"ה יז, ב.
112) תשא לד. א ואילך.
113) ראה ד"ה ויתן לך תרס"ו. ובכ"מ.
114) הובא בלקו"ת שמע"צ צב, ב. שה"ש ג, סע"ב. וראה זח"ג קנג, ב.
115) ישעי' כו, יט.
116) ראה תוד"ה אחד — פסחים קיד, ב. יומא ה, ב.
117) ויקהל לה, א.
118) ילק"ש ר"פ ויקהל (הובא בשו"ע אדה"ז או"ח סר"צ ס"ג).
119) סוטה ט, סע"א.
120) פקודי לח, כא.
121) ויקרא א, א.
122) ראה אוה"ת תצוה ע' א'תקנא. ד"ה ואת תורת הבית תרפ"ט פי"א (סה"מ קונטרסים ח"א ע' מה). וראה לקו"ש תצוה — ז' אדר ש.ז. בסופו, ש"ואתה" מורה על עצמיות שלמעלה משם ותואר, ו"תצוה" מלשון צוותא וחיבור, והיינו שנעשה צוותא וחיבור דבנ"י עם עצמות דמשה, המקשרת עם עצמות א"ס.
123) תצוה כז, כ.
124) ישעי' יא, ט.

בס"ד.

בנוגע למסכתא יומא הנקראת בכ"מ בשם "מס׳ יום הכפורים" – באוצה"ג ליומא לא מצאנו, אבל כ"ה בהמצו"ב.

האם לציין: רמב"ם בהקדמתו לפיה"מ. אגרת ר"ש גאון (מהדורת לוין ע׳ 6 וע׳ 33). פירוש רב האי גאון לטהרות פכ"ו מ"ד (הובא בהערות המו"ל בע׳ 6 שם).

בכהנ"ל נקרא "כפורים" (ולא "יום הכפורים"). האם לתקן עפ"ד בההערה (במקום "יום הכפורים")?

בס"ד.

בנוגע לבעהמ"ס טוב הארץ כתב בכתי"ק שהוא מחבר ס׳ ~~מגלה עמוקות,~~

בס"ד.

בזה הננו מוציאים לאור מאמר ד"ה וקבל היהודים מכ"ק אדמו"ר שליט"א, שאמרו ביום ג׳, פורים קטן, שנה זו.
ושיחה כו׳

מערכת "אוצר החסידים"

ה׳תשל"ח. ברוקלין, נ.י.

שנת השבעים וחמש להולדת כ"ק אדמו"ר שליט"א



בס"ד.

רבים העירו בהשיחה דפורים קטן ש.ז. (שנדפסה בקונטרס)

ס"ח במ"ש כ"ק אדמו"ר שליט"א בהערה 28: כן הוא במאמר תרע"ה

שם. ואולי צ"ל "האדם" (וכן שם לפנ"ז).

דלכאורה בחשא שם (לג, טז) נאמר "העם" ולא "האדם", ומדוע

"אולי צ"ל האדם"? ובכל הסעיף נעתק כמ"פ (בטעות לכאורה ?)

לשון הכתוב – "מכל האדם".

[ובמאמר שבקונטרס ס"ז נעתק לנכון "מכל העם"].



ב"ה. השמטה ותיקון בקונטרס פורים קטן ש.ז.

בקונטרס פורים קטן ש.ז. ע׳ 14 טור א׳ בסופו צ"ל: מכל העם (האדם*25) ...

ובהערות שם: *25) כי כוונת הכתוב היא גם בנוגע לכל יחיד דבנ"י לגבי יחיד דאו"ה (שנקראים "האדם" – תוד"ה ואין יבמות סא,א), כדלקמן הערה 28 – בהתאם להנקודה שבפנים השיחה, שכאו"א מבנ"י (כל יחיד) צ"ל במצב ד"ונפלינו" מיחיד דאו"ה.

ומש"כ בקרא "מכל העם" (וכך לפנ"ז "ועמך") – פי׳: ונפלינו ~~כו׳ כאו"א~~ אני ועמך מכל (האדם) גו׳.

שם הערה 28 צ"ל: 28) ~~כך הוא~~ במאמר תרע"ח שם ~~("העם")... אבל~~ עפמנ"ת ~~שם~~ הטעם ע"ז – הוא (גם) בנוגע ליחיד, ולאו דוקא בנוגע לכללות בנ"י. ~~ועפ"ז, אולי צ"ל שם (וכך שם לפנ"ז) – "האדם".~~

[אולי ~~יש~~ להסיר המרכאות מלשון הכתוב בסוף הסעיף (ב׳ פעמים) כמסומן?].

– קונטרס פורים קטן ה׳תשל״ח –

ניט צום אופן העבודה ווען ער שטעלט זיך אוועק מלכתחלה בתוקף המתאים, וואס דעמולט איז עבודתו בקלות יותר ובהרחבה יותר, ווארום די גאנצע מציאות פון די „מלעיגים" איז ביי אים (בעולמו) ניטא.

ז. דאס איז אויך פארבונדן עם האמור לעיל אז אין דעם יובל השני הויבט זיך אן די עבודה אין אן אופן פון „ראה עולם חדש". והביאור בזה:

ס׳איז מבואר אין דעם מאמר [25] אז בשעת ער ווערט נתעלה אין א דרגא נעלית יותר (אז ער איז ניט שייך אל הזולת), איז אים דער זולת ניט מבלבל, בדוגמא ווי ס׳איז ניט שייך אז ער זאל נתפעל ווערן פון די „מלעיגים" וועלכע געפינען זיך אין אן אנדער עולם (אדער אפי׳ נאר אין אן אנדער שטאט).

דערפון איז פארשטאנדיק, אז בשעת ער שטעלט זיך אוועק אין אן „עולם חדש", זיינען די „מלעיגים" ניטא במציאות אין זיין עולם, ובמילא דארף ער ניט אנקומען צו דער התבוננות פארוואס ער דארף זיך ניט שעמען פאר די „מלעיגים" —

ער דארף נאר האבן ביי זיך דעם תוקף צו אנערקענען אז ער געהערט צו אן „עולם חדש" (און די אלע מלעיגים און מסתירים ומבלבלים זיינען געבליבן אין אן עולם תחתון ממנו), און דעמולט איז בדרך ממילא ילך לבטח דרכו, ומתוך שמחה וטוב לבב.

ח. די התבוננות הכי קלה בזה (ער זאל דערהערן אז ער געפינט זיך אין אן „עולם הדש", העכער פון דעם עולם וואו ס׳געפינען זיך די „מלעיגים") איז — ווי ס׳שטייט אין דעם שיעור חומש פון היינטיקן טאג „ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה" [26],

וואס דער ענין פון „ונפלינו" איז נאך העכער פון דעם ענין פון „אתה בחרתנו". והביאור בזה:

דער ענין פון בחירה איז שייך דוקא בא צוויי זאכן וואס האבן צווישן זיך עפעס א צד השוה, קען זיין ער זאל אויסקלייבן די זאך אדער די צווייטע זאך: משא״כ ווען ס׳רעדט זיך וועגן צוויי ענינים וואס האבן ניט צווישן זיך קיין שייכות און קיין נקודה משותפת, איז ניט שייך אין דערויף דער ענין הבחירה: ער האט ניט קיין ברירה צו אויסקלייבן די אנדערע זאך, ווארום ס׳איז דא מערניט ווי איין זאך וואס האט דאס וואס ער זוכט (די אנדערע זאך האט דאך ניט קיין שייכות דערצו).

און דערום זאגט מען „ונפלינו אני ועמך גו׳", כמבואר אין דעם מאמר ד״ה ועתה אם נא מצאתי חן בעיניך פון תרע״ח [27] ובכ״מ: משה רבינו האט געבעטן ביים אויבערשטן אז ס׳זאל זיין דער ענין פון „ונפלינו אני ועמך", אידן זאלן זיין אין אן אופן „מופלא לגמרי .. בבחי׳ אין ערוך לגמרי מכל העם" [28] — וואס דעמולט איז אפילו ניט שייך צו זאגן „אתה בחרתנו" (דער ענין פון בחירה),

וכמבואר אין תניא [29] אז דער ענין פון „ובנו בחרת מכל עם ולשון" גייט אויף דעם „גוף החומרי הנדמה בחומריותו לגופי אומות העולם", משא״כ כו׳ [30] ובפרט מצד די פנימיות פון א אידן, וואס דאס איז אמיתית המציאות שלו (ווארום ביי אים איז „גופו טפל" און „נפשו עיקר" [31]) — שטייט ער אין אן אופן פון „ונפלינו אני ועמך מכל האדם

אשר על פני האדמה", ער שטייט בהבדלה פון „מכל האדם גו׳" ביז צו הבדלה אין אן אופן פון פלא.

און דעמולט איז פארשטאנדיק בפשטות אז מ׳דארף אים גארניט מסביר זיין אז ער האט ניט וואס צו רעכענען זיך און נתפעל ווערן פון די „מלעיגים" — ווארום זיי זיינען ניטא במציאות אין זיין וועלט.

ט. וואס דאס איז א התבוננות פשוטה ביותר — ניט קיין ענין פון „רזי תורה" (וואס האט א שייכות דוקא צו די אידן וואס הנהגתם היום־יומית (וואס אלעמאל דארף דאך זיין דער אל יתבייש) איז ע״פ קבלה), נאר ס׳איז פארשטאנדיק פון פשוטם של כתובים ומרז״ל — אז „ונפלינו אני ועמך מכל האדם אשר על פני האדמה" [32],

דאס איז א התבוננות וואס איז שייך צו יעדער אידן, ווארום „כל ישראל יש להם חלק לעוה״ב שנאמר [33] ועמך כולם צדיקים לעולם יירשו ארץ נצר מטעי מעשה ידי להתפאר" [34] — וואס „כל ישראל" איז דאך כולל כל אחד ואחת מישראל ממש [חוץ פון די וועלכע מ׳רעכנט אויס בפירוש — און אפי׳ בנוגע צו זיי, איז דאך פארשטאנדיק פון ירושלמי [35] אז נאך דערויף וואס זיי האבן מקבל געווען זייער עונש, ווערן זיי א מציאות חדשה, ובמילא האבן זיי אויך א חלק לעוה״ב [36]].

י. וכאמור איז דאס א התבוננות הכי פשוטה — אז ער באטראכט זיך אז ער איז בנו יחידו של מלך מלכי המלכים

הקב״ה, וואס דאס איז דאך ניט נאר ווען די נשמה איז געשטאנען למעלה אין דער „איגרא רמא", נאר אויך ווי די נשמה געפינט זיך אין דער „בירא עמיקתא", ואדרבא — דוקא דארטן האט איר דער אויבערשטער געמאכט פאר א שליח (כמותו) לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים [37].

— ווי ס׳שטייט אין מדרש [38] „היו מכבדין את המצוות שהם שלוחי", וכמבואר בארוכה אין לקו״ת [39] אז יעדער איד איז „שלוחו של אדם — העליון — כמותו" [40], און „כמותו דהמשלות ממש",

וואס אמיתית ענין שליחות [41] איז ניט א פעולה וואס איז געווען נאר ווען ער האט אים ממנה געווען אויף דער שליחות, נאר דאס ווערט (בלשון הידוע [42]) א „פעולה נמשכת", אז בכל רגע ורגע באקומט ער פון־דאס־ניי דעם מינוי השליחות אויף לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים.

און דער ענין פון לעשות לו ית׳ דירה בתחתונים איז „לא נפלאת היא ממך גו׳" [43] און „לא בשמים היא גו׳" [43], נאר ס׳איז „קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו" [44] —

דורך דערויף וואס ער פירט זיך ע״פ שו״ע, און אין דערויף גופא פירט ער זיך לפנים משורת הדין [45], וואס דאס איז דאך שוין אויך געווארן א דין אין

25) ד״ה הנ״ל פי״ד.
26) תשא לג, טז.
27) סה״מ תרע״ח ע׳ רכג.
28) כן הוא במאמר תרע״ח שם. ואולי צ״ל „האדם" (וכן שם לפני זה).
29) פמ״ט (סט, סע״ב ואילך).
30) לדרגות שלו שהן למעלה מ„גוף החומרי" שלו.
31) ראה תניא פרק לב.
32) אעפ״כ היתה צ״ל בקשת ותפלת משה ע״ז — מפני „הגוף החומרי כו׳" (תניא פמ״ט — הובא לעיל בפנים).
33) ישעי׳ ס, כא.
34) סנהדרין ר״פ חלק.
35) כלאים פ״ט ה״ג.
36) ראה בארוכה תשובות וביאורים ע׳ 28 ואילך.
37) תנחומא נשא טז. במדב״ר פי״ג, ו. ועוד.
38) תנחומא ויגש ו (הובא בלקו״ת ויקרא ב, א).
39) שם א, ג ואילך.
40) ברכות לד, ב. ושי״נ.
41) שלכן בפשטות יכול המשלח לבטלה בכל רגע.
42) ראה מפענח צפונות פ״ה.
43) נצבים ל, יא־יב.
44) שם, יד.
45) ברכות ז, א. ושי״נ. וראה ב״מ פג, א ובפרש״י שם ד״ה בדרך טובים.

= 14 =   = 15 =

לזכות

החתן הרה"ת **מנחם מענדל** והכלה מרת **שיינא** שיחיו

**שווארץ**

לרגל נישואיהם בשעה טובה ומוצלחת

כ"ח שבט, ה'תשפ"ד

❁

נדפס על ידי ולזכות הוריהם

הרה"ת ר' **משה** וזוגתו מרת **שפרה חוה** שיחיו **שווארץ**

הרה"ת ר' **חיים שאול** וזוגתו מרת **בלומא גיטל** שיחיו **ברוק**

ולזכות זקניהם

מרת **שירה** שתחי' **שווארץ**

הרה"ת ר' **דוד** וזוגתו מרת **פערל** שיחיו **שפירא**

הרה"ח ר' **משה לוי** וזוגתו מרת **טויבא ברכה** שיחיו **רובינשטיין**

❖ ❖ ❖

ולעילוי נשמת

הרה"ת ר' **שלמה יצחק** ב"ר **משה** ע"ה

מרת **אלטא שולא** בהרה"ת ר' **שלום ישעי'** ע"ה

**שווארץ**

הרה"ת ר' **מנחם מענדל** בהרה"ת ר' **חיים שאול** ע"ה

וזוגתו מרת **חנה** בהרה"ח ר' **מנחם מאניש** ע"ה

**ברוק**